STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01401

KROKE

Yosef Hilel Levi

Permanent preservation of this book was made possible
by The Estate of Estelle Handelsman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קראקע
פאעמע

פון

יוסף הלל לעווי

לאָנדאָן, 1941

פאַרלאַג און דרוקערײַ פון י. נאַראָדיצקי,
129־131 קאַוועל סטריט, א.1.

ערשטער טייל

ווערן...

אינעם זילבער ליכט פון שטערן
וואָס פון טיפן בלוי זיך שיט, —
איינגעוויקלט איז דאָס ווערן
ווי אין פרילינגס ווייס אַ בליט...

קראָקע

1

צו קומען צוריק און דיך ניט זען,
ווער וואָלט עס דען געוווסט?
אַז אַלץ וואָס ס׳איז מיט דיר געשען —
צערייסט פּאַר ווי מיין ברוסט.
נור דו אַליין פּלעגסט תמיד זיין
מיט מיר אויף יעדן שריט,
באַהיטן מיך ווי זונענשיין
באַהיט אַ צאַרטע בליט.

דו האָסט אין מיר מיין האַרץ צעוויגט,
אַ גאָלדענע האַרף געשענקט;
און מיט חלומות מיך באַגליקט,
מיט לידער טיף פאַרבענקט.
די האַרף, די האַרף, ווי גינגאָלד ריין,
איך טראָג ביז היינט נאָך שטיל, —
נאָר דיך אָ מוז איך זוכן גיין
דאָרט, צווישן קברים פיל...

2

קראָקע, צויבער פון מיין קינדהייט,
כ׳האָב אין האַרץ דיך איינגעמויערט,
און ניט איינמאָל אין מיין לעבן
לאַנג און טיף נאָך דיר געטרויערט.
קראָקע, וווּ מיין טייערער פּאָטער
האָט מיך מיפּול אויפגעצויגן;
און מיט טויזנט־טרערן־ברכות
מיך געבענטשט מיין מאַמעס אויגן.

יאָ, איך ליב דיך ווי מיין לעבן,
מיט מיין האַרץ און יעדן אבר,
כ׳ליב דיין שול די אַלטע גרויסע
און פון הייליגן רמ״א דאָס קבר.

פול מיט שוידער אָן און ענדע
פון דעם עבֿרס פרייד און צרות, —
רעדט צו מיר דיין טרוים־לעגענדע
פונעם „חתונה בית־הקבֿרות“.

ניט בחינם אין מיין האַרצן
האָסטו זיך אַריינגעשניטן,
כ׳וואָלט די ערט פון מיינע אָבֿות
אויף בריליאַנטן ניט פאַרביטן.
אַז מען מוז דערוויטערט לעבן
זיין אין פרעמדע שטעט פאַרטריבן, —
ווייסט מען ערשט זיך אויסצולערנען
ווי מען זאָל דיך קראָקע ליבן.

3

כ׳האָב געוואַנדערט שוין אין לענדער,
שטעט, פראָווינצן, קיניגרייכן,
און אין ערגיץ צו דיין שטילקייט
ניט געפונען נאָך קיין גלייכן.
יאָ, איך ליב דיך דיינע הייזער,
יעדעס שטיינדל פון די גאַסן, —
איבעראַל איך האָב אַ חלום
דאָ פאַרלעבט אַ קינדיש בלאַסן.

יעדע שלאַנקע חנ־טאָפּאָליע,
ווען זי נעמט אין פרילינג בליען, —
קען אַ ליבע אייך דערציילן
וואָס ביי מיר אין האַרץ פלעגט גליען.
דאָ איז אויך מיין וויג געשטאַנען
וווּ מיין מוטער מיט באַגערן —
פלעגט מיר וויגנ־לידער זינגען,
איינגעלוליעט מיך מיט טרערן.

4

נעבן אַלטער שול אין געסל
איינגעהויקערט איינגעבויגן,
איז געשטאַנען אונדזער הייזל
וווּ איך האָב זיך אויפגעצויגן.

און געהאַט האָט אונדזער הייזל
דאָרט אַ הייפל נאָך אַ קליינעם,
ווו איך האָב פאַרפלאַנצט אַ גערטל
מיר אַ ליבן און אַ שיינעם.

און אין יענעם ליבן גערטל
בין איך אָפט אַרומגעגאַנגען,
און גע'חלומט אויס אַן ווערטער
מיר די האַרלעכסטע געזאַנגען.
ביז איך האָב דערהערט אַ ברומען
אַ געלייטערטן פון ליידן,
און אַ טאַפּן אין דער פינצטער
פון מיין טיירן בלינדן זיידן.

יאָ, פון זיידנס שטומען טרויער
אין די זומער נעכט צעשטערנט;
האָב איך גאַנצע שטיקער זוהר
אויסנווייניק זיך געלערנט.
און דער ניגון פון זיין זוהר
איז צו מיר אַריינגעדרונגען, —
אין דער טיף פון מיין נשמה
און פון דאָרט אַרויסגעזונגען.

5

ביי דער ווייסל פלעג איך זיצן
און צו קוקן ווי די כמאַרעס,
בלאָנדזשען אינעם זומער־הימל —
ווי אין ווייסל שטיל די כוואַליעס.
און געאנגלט מיט באַגערן
אַ פאַר'כשופ'טער מיט ציטער, —
ווי אַ פישער זילבער פישלעך,
פון מיין האַרצן ליבע לידער.

יעדעס שטראָמל פון דער ווייסל
איז געווען אַזוי באַקאַנט מיר;
ווי אַ האַרציק טרייע מאַמע
איבערגעבן און פאַרוואַנט מיר.

אינעם „וואַוועל“ פלעג איך טרוימען
נעבן פוילנס גרעסטן דיכטער, —
וואָס זיין שיינקייט האָט צעלויכטן
מיר מיין האַרץ ווי טויזנט ליכטער.

6

אַך דאָס ערטל דאָס באַ׳חנ׳טע
ווו איך פלעג אין זאַמד זיך שפּילן,
מיט דער ליבער ווייסער חברה
אַלע הינט צו מאַכן בילן.
וואַרפן שטיינער, טרייבן טויבן,
זיך פאַרשייט אַרומצויאָגן,
זעלנער זיך צונויפצוקלויבן,
דאַן זיך גוט אַדורכצושלאָגן.

כאַפּן קעצלעך, רייצן כלבים,
מיט די פּראָצעס פייגל שיסן,
טרייבן הינער פון די שטייגן
די תחתונים זיך צעריסן.
דרייען מיידלעך פאַר די צעפּלעך,
מאַכן אָן מיט זיי יללות,
ביז די מאַמעס זייערע בענטשן
פלעגן אונדז מיט טויטע קללות.

אויף דיביימער אונטער פאַרקנס,
האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן,
ביז אַ חברעניק אַ ווייסער
האָט דערזען אונדז דורך די שפּאַלטן.
שפּעטער פלעגן מיר צו שפּילן
קנעפּ — און גראָבן קליינע גריבלעך,
און מיט פּאַטשערקעס צו צילן
און צו טרעפן, אַך ווי ליבלעך — —

איז געוועזן יעטע רגע
ווען מיר פלעגן אויפצוהערן;
און צו זען ווי אינעם הימל —
וואַקסט אַ שטערן, נאָך אַ שטערן.

ביז אַ מידער מיט די „פּאַפּרעס“
די פאַרשייטע אָנגעטראָפן,
האָט מיין טאַטע מיך דער גוטער
און אַהיים געגומען שלאָפן.

7

די „באַקאַלפאַקטע“ בחורים
מיט די ליכטיק שיינע מיידן,
וואָס זיי פלעגן מעשה פורים
גיין פון דאַוונען פויליש ריידן, —
מיט די יידן אין די שטריימלעך
אין די ראַטשמערנע קאַפּאָטעס,
פלעגט צו זיין מיר ליב און היימלעך
יאָ, אפילו מיט די בלאָטעס — —

דאָרט אין וועלכע אַלע געסלעך
פלעגן ליגן שטיל פאַרזונקן,
ביז דער פרילינג אויסגעטריקנט
האָט זיי ערשט מיט זונענפונקן.
און עס האָבן פרומע יידן
פונעם הויכעגאסער ברונעם,
אָנגעשעפּט מיט מצה־וואַסער
גרויסע, פולע, שווערע קאַנען.

8

בין איך צו דעם קברות וועלדל
מיר שפּאַצירן ווען געגאַנגען,
האָבן תמיד מיך באַגעגנט
שכור׳ע גויים מיט געזאַנגען.
מיך געריסן פאַר די פאות
נאָכגעשפּעט מיר: מיניע, מיניע, —
אויסגעלאַזן, נאַר געשריען:
„זשידזיע פּאַרכו, זקורוויסיניע!“

נור איך האָב זיך ניט געשראָקן
וויל געוווסט כ׳האָב ס׳וועט דער רוח
זיי שוין כאַפּן ווען ס׳וועט קומען
אונדזער מלך המשיח.

טאָקע שבת באַלד משיח
איז געקומען אָנצורייטן, —
האָבן מיר מיט קיזלשטיינער
זיי באַצאָלט פאַר אַלע צייטן.

9

אין די סאַמעט קאַפּילעשלעך
פאַר דער אַלטער שול מיט זאָרגן,
האָבן יידלעך זיך געֹ׳עצה׳ט
ווו צו נעמען אויף דעם מאָרגן.
און געפּיפּטשעט לולקע־צעבעך
און גערעדט פון גוטע יידן,
און געקרייזלט זיך די פאות
מיט די זאָרגן שטיל צופרידן.

ביז דער שמש מיטן האַמער
מיט דריי קלעפּ געטאָן צו וויסן, —
האָט אין שול־טיר ס׳איז זמן מנחה,
זי גענומען אויפצושליסן,
זענען זיי אין מקום קדוש
אַלע זיך אַריינגעגאַנגען,
און געדאַוונט מנחה מעריב
מיט אַ ניגונ׳דל אַ באַנגען.

10

איבער דיינע וועלדער, פעלדער,
בין איך זינגנדיק געגאַנגען,
און מיט דיינע קאָרנבלומען
זיך געשפּילט מיט דיינע זאַנגען.
ווי אַ חסיד׳ל מיט פּאות
האָב איך אָפט מיין פסק באַקומען:
שלעק מיט שטיינער „באַנק פאַרשיווי״,
דאָך כ׳האָב אַלעס ליב פאַרנומען.

דיין „קאָשציושקאָ״ פלעג איך אַכטן
און דיין „מיצקיעוויטשן״ ליינען,
„בערעק יאָסעלעוויטש״ ליבן,
ביי „סלאָוואַצקין״ האַרציק וויינען.

„שעמיראַצקי“ און „מאַטעיקאַ“
האָבן מיט אַ גאָלד־צעהעלטן, —
ליכט אַרום געפירט מיט כשוף
מיך אין זײַרע פאַרבן־וועלטן.

מײַן נשמה איז פאַרגאַנגען
אָפט פון בענקען שיר אין שטילן,
ווען געהערט נור כ׳האָב פון „שאָעפּן“
און „מאָניושקאָס“ לידער שפּילן.
און די קירכן מיט די פּורים
די נאַאיווע אָרעם פרומע;
פלעג איך הייליק הילפלאָז ליבן — —
ווי דעם וויטיק פון מײַן אומה.

דײַנע מיידלעך פלעג איך גערן
האָבן מיט זייער חן־געלעכטער,
וואָס געוועזן זענען שענער
פון גאַליציעס אַלע טעכטער.
כ׳בין מיט זיי אַרומגעגאַנגען,
פלעג זיי קושן, הארצן ליבן,
און ניט איינער ס׳האַרץ דאָס יונגע
מיט אומטרייקייט צו באַטריבן.

נעבן „וואַווע“ ביי דער ווייסל
אין די גאָלדענע פאַרנאַכטן,
פלעג איך זיצן אַ פאַרטרוימטער
און פון האַרלעכסטן צו טראַכטן.
קראָקע, צויבער פון מײַן קינדהייט,
אָ, ווי גיך ס׳איז אַלץ פאַרפלויגן,
יאָ, איך ליב דיך, ביז מען וועט מיר
לייגן שאַרבנס אויף די אויגן.

11

(מײַן שוועסטער מלכה׳לען צום ליכטיקן אָנדענק)

לאַנגע שוואַרצע צעפּ באַ׳חנ׳טע,
פּורפּור־ליפּן, פּערל־ציין,
ווי אַ רויז אַ זון־צעשײַנטע
פלעגט זי אינעם גאָס אַריין.

און אויף וועמען אויפגעהויבן
ז׳האָט איר צויבער ווייכן בליק,
איז אין הימל ווייט פאַרפלויגן
ער פון ליבע און פון גליק.

איר געשטאַלט באַ׳טעמ׳ט און איידל
בויגיק איז אַזוי געווען,
זיך פאַרליבט אין שענסטן מיידל —
האָט, ווער ס׳האָט זי נור געזען.
היינט איר זיסע שטים צו הערן
איז געווען אַזוי באַ׳טעמ׳ט,
ווי בריליאַנטן זונענשטערן
האָט זי יעדעס האַרץ צעפלאַמט.

און געפינקלט אירע גלידער,
האָבן ווי אַ גאָלד־סמאַראַגט,
זינגענדער ווי ליבע־לידער,
דופטנדער ווי בלום־עקסטראַקט.
יינגלעך אַפגעשטעלט נשתומם
האָבן אויפן גאַס זיך באַלד,
שפּעטער גאַנצע נעכט צו טרוימען
קענען פון איר ליב געשטאַלט.

און געטראָגן טיף פאַרבאָרגן
אינעם האַרץ איר חן און מילד, —
אויפגעוואַכט אַיעדן מאָרגן
מיט איר צאַרט פאַר׳כשופ׳ט בילד.
צו איר פענצטער דאָן געקומען
שעה׳ן לאַנג געוואַרט בסוד,
צו די פיס צו וואַרפן בלומען
פאַר דער שיינקייט — זייער גאָט . . .

12

אויף די „בלאָניעס״, גערטנער, פעלדער,
אין „פּאַניענסקע־סקאַליס״ שויס,
פלעג איך אָפט פאַר׳חלום׳ט זיצן
ס׳האַרץ צעבלעטערט ווי אַ רויז.

כ׳האָב געקוקט אין אירע אויגן
אַזוי ליכטיק בלוי צעהעלט,
און מיט ליבע אָנגעזויגן
זיך פאַר אַלע פיין פון וועלט.

ס׳האָט מיט מיר מיין צאַרטע מיידל
גליקלעך זיך פאַרליבט געשפּילט,
און מיט אירע גאָלדנע לאָקן
דופטנדיק מיך איינגעהילט.
אירע זאַנפטע ווייכע ליפּן
ווען עס האָבן מיך באַרירט,
האָט איר דופט מיין בלוט פאַר׳שכור׳ט
און איר חן מיין זין פאַרפירט.

„מיצקיעוויטש׳עס“ פּראַכט באַלאַדעס
האָט געזונגן זי באַגליקט, —
און זיי האָבן זיך ווי זאַנגען,
אינעם זונענגאָלד געוויגט.
דאַמאָלט אַך, ווי האָט דאָס לעבן
זיך, און גליקלעך זיין געוואָלט ;
ווען דער אָוונט דורכגעזילבערט —
האָט זיך דורכן זונענגאָלד.

כ׳האָב זי שטיל אַרומגענומען
און מיין לעבן איר דערציילט,
האָט געשוויגן זי ווי בלומען
פון דער זון אַדורכגעפיילט.
כאָטש איך ווייס די מאָרגנרויטקייט
וועט נאָך אויפגיין מיט געניאָט ;
האָט זי מיר אין אויער געפליסטערט :
„איז מיר אַזוי באַנג מיין גאָט“.

פון דיין „קאָפּיעץ“ העלד „קאָשציושקאַ“,
אָפּטמאָל זע איך דיך אַרויס,
מיט דיין שווערט דעם בלאַנקן שאַרפן
פונעם בלוט געהייליקט גרויס.

און פאַר דיר די כלאָפּעס קניען
פּוילנס בעסטע טרייסטע זין,
בעטן מיט די קאָסעס, שערפן,
זאָלסט מיט זיי צום קעמפן ציען.

און דו הויבסט דיין האַנט צום הימל
אויף, אין איר עס בליצט דיין שווערט
און דו שווערסט מיט אַלע „כלאָפּעס“
צו באַפרייען פּוילנס ערט —
פון דער פינצטערער „פּאַנסטשיזנע“
און דער בייזער שלאַכטעס קנוט,
פּוילן מוז באַפרייט אַ זיגער
ווערן דורך זיין שטאָלצן בלוט.

„בערעק יאָסעלעוויטש“ מוטיק
הערט די שבועה אויס און קנוילט
צאָרנדיק זיין פויסט צעזאַמען
קייגן פּיין, געוואַלט און נויט.
ביז דאָס גאַנצע פאָלק דערהייבט זיך
פון זיין קנעכטשאַפט ווי אַ שטראָם, —
און עס שטויסט אַריין דעם שונא,
מיט אַ ווילדער קראַפט אין תהום.

14

פון דער אַלטער שול געצויגן
האָט אַ הייל געהיים פאַרבאָרגן
אונטער דר׳ערד זיך און געשלענגלט
טיף אַרום דער גאַנצער שטאָט;
און אין צייטן פון בלבולים
פלעגט מען דאָרט אַהין צו לויפן
און זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן
פאַר דעם שונא שטיל בסוד.

איז אַ פריץ בייז געוואָרן
ווייל דער ייד האָט אים די ציבן
פון די אָרעם שוואַכע פוירים
ניט גענוג אַריינגעבראַכט, —

האָט ער אָפּגעזאָגט די קרעטשמע
פונעם ייד, געגאַרט דעם פויער:
שולדיק שווער פאַר יעדן אומגליק,
נור אַליין דעם ייד געמאַכט.

האָבן „כלאָפּעס" באַלד און פוירים
אַלע זיך צעגויפגענומען
אויפגעהעצטע פון די פּריצים
און פון שוואַרצן גלח'ס וואָרט,
מיט די צלמים און די פּענער
און געלאָזן אויף די יידן
זיך פאַר יעזוס וועגן שכור
פונעם בראָנפן גלייך צו מאָרד.

האָט דער ייד געמוזט פאַרפענדן
דורך דעם בייזן סעקוויסטראַטאָר
לאָזן באַלד דעם פויער'ס כאַטקע
מיט זיין לעצטער קו פון שטאַל,
און דער פּריץ האָט פאַרהוליעט
ס'אויסגעזויגטע בלוט פון פויער
אינעם אויסלאַנד מיט נקבות
אין באַרדעלן איבעראַל.

זענען אין געהיים געקומען
פון די דערפער אַנגעלאָפן
זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן
יידן פון דער גאַנט און ווייט,
און אין אַלטער שול פאַרשלאָסן
זיך מיט תפילות און תעניתים
און אַדורכגעלעבט פאַרבאָרגן
אין דער הייל די סכנה־צייט.

ביז דער פסח מיט'ן בלבול
איז בשלום שטיל אַריבער,
ווידער האָט דער כמורנער הימל
אויסגעלייטערט זיך אַ ווייל,
האָבן אַלע הענגל־לייכטער
אין דער שול דאָרט אויפגעלויכטן
און אַרויס מיט פרייד־געזאַנגען
זענען יידן פון דער הייל.

15

אָפטמאָל ווען פאַרביי געגאַנגען
צוועלף אַזייגער כ׳בין ביינאַכט,
דורך דער אַלטער שול, אַ שוידער
אין מיין האַרצן האָט דערוואַכט.
אַלע מעשׂות פון מיין באָבען
האָב איך פּלוצים זיך דערמאָנט,
און געוואָלט זיך לאָזן לויפן
נאָר איך האָב ניט גיין געקאָנט.

יוסף הלל בן ישראל
דוב הלוי האָט עס לויט —
פון דער אַלטער שול גערופן
מיט אַ הילכיקן „יעמוד!“
ס׳האָט אַ שרעק מיין בלוט פאַרגליווערט
אָנגענומען הענט און פיס,
איך זאָל עולה זיין לתורה
ס׳האָט געגעבן מיך אַ ריס.

כ׳האָב געשריען: שמע ישראל!
און דאָס האַרץ איז שיער אַרויס
מיר געפאַלן פאַר חלשות,
כ׳האָב געמיינט איך גיי שוין אויס.
ביז איך האָב מיט לעצטע כחות
פונעם קאָשמאַר זיך באַפרייט,
און אַנטלאָפן פון די מתים,
קראַנק געלעגן דאַן אַ צייט.

16

בין השמשות לעצטע שטראַלן
גיסט די זון אין וועלט אַריין;
נעמט מיין באָבעניו דערציילן
מעשׂהלאַך מיר וואונדער שיין.
פון מכשפים, צויבער־ווייבער,
קינדער אינעם וואַלד פאַרשלעפט,
שטיין געלאָזן אין פון רייבער
דאַן אין טיפן וואַלד געקעפט.

פון די ווערטער אירע איילן
שוסטערלעך אַרויס אַ סך,
וואָס ביי זיי עס פלעגן ווילן
די ניט גוטע אויפ׳ן דאַך.
ווען אַ שוסטערל צו קלאַפּן
פלעגט אין זוילן טשוועקעס גיך,
האָבן זיי דערווייל די קאַפּן
אָפּגעשניטן פון די שיך.

און זיך דאַן אַוועק פאַרלאָפן
אין דער „אַלטער שול“ מיט פרייד,
וועמען גאָט געוואָלט האָט שטראָפן
האָבן זיי אים מיטגעדרייט.
קליינע קינדער פון די וויגן
האָבן זיי אַרויסגענאַרט,
און פאַרוואַנדלט גיך אין ציגן
זיי אין ברונימס טיף פאַרשפּאַרט.

און פון שעפּסלעך ציטריק ווייסע
פון די ווילדע וועלף צעפּליקט, —
האָט מיין באָבעס צויבער מעשה
זיך מיט שרעק און באַנג געקוויקט.
נאָר זי פלעגט מיך צערטלען, גלעטן,
ווישן מיר די טרערן אויס,
וויגנדיק מיך איינצובעטן
פול מיט ליבע אין איר שויס.

ס׳האָט געדוכט מיר אַז פאַרשלעפּן
וועלן מיך די שדים באַלד,
מיט די שוסטערלעך — און קעפּן,
ערגעץ אין אַ טיפן וואַלד.
היינט איך גלויב ניט מער אין שדים,
נאָר ווען כ׳בין געווען קליין;
זאָל מיין באָבע אין גן עדן,
טויזנט מאָל מיר מוחל זיין.

17

מיט די ברילן אויפ׳ן שטערן
פלעגט די באָבע הויך צוטראַכטן, —
איך אין איר זיך איינצוהערן
אין די גאָלדענע פאַרנאַכטן.
כ׳האָב הערפילט זיך טרויריק פריילעך,
אָנגעפאַנגען טרערן גיסן,
ווען פון „קאַזשימיעזש דעם מלך״
האָט זי מיר געטאָן צו וויסן.

אירע ווערטער הייסער, ליבער,
האָבן מיך געגלעט ווי שטראַלן, —
כ׳האָב פאַרשלינגען זיי אין פיבער,
אין חלומות טיף פאַרפאַלן.
פון דעם הימל לויטער בלויען
ווי די זון צו צאַרטע בלומען
מאָרגן־פרי מיט זילבער טויען
פלעגט צו אסתר׳קען ער קומען.

און איר האַנט די שלאַנקע ווייסע
צו די ליפּן מיט פאַרלאַנגען,
צוגעפירט אַז ס׳איז אים ס׳הייסע
האַרץ פול ליבע שיר פאַרגאַנגען.
פון די שוואַרצע צעפּ פאַרהוילן
און די יידיש באַנגע אויגן, —
האָט דער קיניג זיך פון פוילן
פול מיט ליבע אָנגעזויגן.

18

מיט אַ זיפץ אַ טיפן שווערן
אסתר׳קע האָט באַנגערהייט, —
זיך צעפערלט שטיל מיט טרערן
און מיט בענקנדיקע רייד.
ס׳נעמט אַרום מיין האַרץ אַ ציטער,
ווען מיין אויג בליקט אויף צו דיר,
ווי זשע קומט דען מיין געביטער —
איך, אַ יידיש קינד צו דיר ?

אסתר׳קע, מיין האַרץ נשמה,
ווער נאָך איז צו דיר דען גלייך ?
כ׳וואָלט פאַר דיר פאַרפירט מלחמה
מיט אַ יעדן קיניגרייך.
ווער עס וואָלט מיט מיר פאַרמאָסטן
זיך, געווען וואָלט טויט זיין לוין,
ווען אפילו דאָס זאָל קאָסטן
מיך מיין גאַנצע גאָלדנע קרוין.

ווען דיין פאָלק צו מיר געקומען
איז פאַרפאָלגט פון נויט און שאַנד, —
האָב איך זיי אַריינגענומען
ווי אַן אייגן קינד אין לאַנד.
בלייבן ניט אַצינד פאַרהוילן
טאָר דאָס טיפסטע פון מיין איך,
פונקט אַזוי ווי כ׳ליב מיין פוילן — —
ליב איך יידיש מיידל דיך.

19

אין די ווינטער אָוונטס לאַנגע
ביי דעם אויוון אין אַ ווינקל,
פלעגט מיין באָבע שטיל אַ באַנגע
זיצן פאַר אַ לעמפל טינקל.
שטריקן, צערוון רויטע זעקלעך,
מיט די בליציק דינע שפּיזלעך,
דרויסן פלעגן זילבער־פלעקלעך
טאַנצן ווי אויף כשוף פיסלעך.

מיט די אויגן פול פון טרערן
און פון ווייטיק דורכגעדרונגען,
האָט מיין באָבע ווי די שטערן
לידלעך ליכטיק מיר געזונגען.
כ׳האָב געקושט די צאַרטע פינגער
אירע שטיל פאַרליבט מיט ציטער,
און געפרעגט זי ווער דער זינגער
ס׳איז געווען פון די לידער.

טוליענדיק זי האָט גענומען
אין איר שויס מיך. אַ פאַרקלערטער, —
כ׳האָב געפלאָכטן ווי פון בלומען,
קראַנצן מיר פון אירע ווערטער.
ביז געלייטערט אויס פון טרערן
האָט איר קול געקלונגען גרינגער, —
כ׳פלעג אַליין די לידער הערן
זינגען פון די „בראָדער זינגער“.

„בראָדער זינגער“, ווי פאַרהילן
וואָלטן ס׳האַרץ מיר כשוף־זוימען,
אָנגעפאַנגען טיף צו שפילן
האָבן אין מיר גאָלדנע טרוימען.
פון מיין באָבעשיס געשיכטן,
לידלעך מיט די ציטער־פינגער;
האָב איך זיך געלערנט דיכטן
און געוואָרן היינט אַ זינגער.

20

ווען איך פלעג מיין באָבען זינגען
פון די בראָדער זינגער הערן,
האָב איך יעדעס ליד פאַרשלונגען
אַ פאַרציטערטער מיט טרערן.
ווי אַ זילבער־שטראָם די גראַמען
מיט אַ כשוף־חן אַ זיסן,
יעדעס וואָרט מיט טויזנט טעמים
פלעגט זיך פון איר מויל צוגיסן.

האָבן ווען זיך אויף איר פנים
אירע שרומפן אויסגעצויגן, —
בעטלער, שדים און גזלנים,
כ׳האָב דערזען פאַר מיינע אויגן.
האָט אַ שמייכל זיך פון פריידן
אויף די ליפן איר צעגאָסן —
האָב איך פשוט אין גן עדן
זיך דערפילט אין ליכטיק גרויסן.

כ׳האָב דערזען סמאַראַגד, רובינען,
פערל, גאָלד, בריליאַנטנע זאַלן,
וואָס זיי זענען באַלד צערונען
ווי אַ שניי אין זונענשטראַלן.
לאַנג נאָך האָבן שטיל, מיט ציטער
אין די אויערן מיר געקלונגען —
פון די „בראָדער זינגער״ לידער,
וואָס מיין באָבע פלעגט מיר זינגען.

21

דערנעבן מיין באָבעניוס ברילן
דער „צאינה וראינה״ ליגט אָפן,
פון הייליקע טרערן פאַרלאָפן
און פרומע פאַרבענקטע געפילן.
זי זיצט און זי רונצלט דעם שטערן
פאַרטיפט ווי אין הייליקן סידור,
איך לייען איר אָפיר מיינע לידער
און שטיל זי באַגיסט זיך מיט טרערן.

לאָז נאָכאַמאָל הערן מיך ס׳לידל
פון מלכה אין וויטן פּאַלאַסט,
וואָס גייט שיר פאַר ליבע דאָרט אויס, —
און זינגט טיף פאַר׳חלום׳ט אַרויס,
פון גאָלדנעם פאַרצויבערטן פידל — —
וואָס איז אין דיין האַרץ איינגעפאַסט.

22

אָ, באָבעניו טייערע, די האַרציקע ווערטלעך,
די ליכטיקע מעשהלעך דיינע און רייד,
ווי פלעגן זיי גלעטן מיין האַרץ אַזוי צערטלעך
און טרייסטן עס שטיל און פאַרכשופטערהייט.
אַ שימער אַזוי ווי פון גאָלדענע זונען
איך האָב פון דיין יעדערן לידל דערפילט,
וואָס האָט זיך געגאָסן אַרויס ווי פון ברונען
געהיים פון דיין זילבערנער טיפקייט צעשפילט.

דיין ערלעכע פרומקייט און פשטות דערהויבן,
עס האָט מיך צעהעלט ווי אַ בלימל אַ שטראַל,
דיין ליבע, דיין גוטס, דיין רחמנות און גלויבן
געווען איז פאַר מיר אַ פאַרכשופטער קוואַל.
אָ, באָבעניו טײַרע, כ'וועל אייביק געדענקן
דיין שיינקייט געוועזן וואָס איז אָן אַ שיר, —
וואָס האָט אין מיין האַרצן אַ הייליקעס בענקן
פאַרצונדן נאָך דורות פאַרבלאָסט און נאָך דיר.

23

ליב געהאַט אַ פידל גערן
איבער אַלעם כ'האָב אין וועלט,
מיר אין אויגן האָבן טרערן
אָפט ביים שפילן זיך געשטעלט.
פונעם פידלס האַרץ די שפּאַלטן
ווו די טענער פול מיט לייד, —
האָבן אָפט מיט לוסט, געוואָלטן
זיך געגאָסן און מיט פרייד.

האָבן מיך אַזוי באַוויגן
מיט זייער צויבער ווייכן קלאַנג, —
אַז דאָס האַרץ מיינס אַנגעזויגן
האָט זיך גליקלעך מיט געזאַנג.
און פון טרוים אַרומגענומען
האָט זיך מיר אַזוי פאַרוואָלט;
ס'פידעלע, נאָר ווי האָב קומען
איך צום פידעלע געזאָלט?

24

פלעג איך אומגיין שטיל און שוויגן
וואָכן און חדשים באַנג,
בעטן גאָט ער זאָל מיך לייגן
אינעם בעט כאָטש איינמאָל קראַנק.
אַז עס זאָל מיין אייביק בענקן
ווערן גליקלעך איינגעשטילט,
און עס זאָל דער טאַטע ברענגען
מיר אַ פידעלע וואָס שפּילט.

25

ביז אויף איינמאָל פֿון די קוואַלן
האָט דער בורא מיך דערהערט,
כ׳בין אין בעט אַריינגעפֿאַלן
און אין פֿיבער זיך געצערט.
אין די גלידער מיך געבראָכן
ס׳האָט און ווי געטאָן מיר אַלץ,
ווי אַ מעסער מיך געשטאָכן
האָט אַ בלאָטער טיף אין האַלדז.

אויף דעם קאָפּ מען האָט קאָמפּרעסן
מיר געלייגט אָן אויפֿהער פֿיל,
ביי מיין בעט מען איז געזעסן
מיר דערלאַנגט רפֿואות שטיל.
טשאָקאָלאַד מיט לעקעך טרויבן
„כינע" ביטערע ווי גאַל,
כ׳האָב געוואָלט מיין קאָפּ אויפֿהויבן,
איז ער שטייף געווען ווי שטאָל.

און דערפֿילט אַ שמאַרצלעך רייסן
אַלעס האָט אין מיר געגליט, —
ווי מען וואָלט מיט זאַמד מיט הייסן
אין אַ גרוב מיך צוגעשיט.
צווישן די רפֿואות ביטער
וואָס כ׳האָב נעמען ניט געוואָלט,
טאַטע האָט געבראַכט מיט ציטער
מיר אַ פֿידעלע אַ גאָלד.

אינעם חלום כ׳האָב די קלאַנגען
פֿון די סטרונעלעך דערפֿילט,
און אין פֿיבער אָנגעפֿאַנגען
שפּילן — און געשפּילט, געשפּילט...
וויפֿל נאָנטע וואָס כ׳פֿלעג ליבן
זענען שוין אַוועק פֿאַרבלאָסט,
נאָר דאָס פֿידעלע פֿאַרבליבן
אין מיין האַרץ איז איינגעפֿאַסט.

שבת־אָוונט נאָכן עסן
איז געווען גוט אין שטיבל
אַ גן־עדן פיין און ווויל,
אָנגעהויבן שוין צו צאַנקן
האָבן זיך די שבת־ליכטער
און אין אויוון ס׳שטיקל קויל.

ווי די שכינה אויף די פליגל
וואָלט מיך ליב אַרויפגענומען
אַזוי ליכטיק מילד און ווייך,
כ׳האָב אַרומגעשוועבט אין הימלען
מיט מלאכים זאַנפטע שטילע
אַ פאַרבענקטער אין דער הייך.

ווען דער טאַטע פלעגט דערציילן
מיט קדושה און התפעלות
מעשות אַזוי וווּנדער שיין, —
מיר פון „שיניעווער״ און „סאַנדזער״
די צדיקים, בעלי־מופתים,
בלייבן פלעגט דאָס האַרץ שיר שטיין.

ווען צו איינעם מ׳איז געקומען
פון די הייליקע צדיקים
מיט, — צי אַן, אַ פדיון גאָר,
איז, וואָס ס׳האָט דער צדיק גוזר
נאָר געווען, דאָס באַלד מקוים
איז געוואָרן אויפ׳ן וואָר.

האָט אַ פריץ ווען אַ יידן
אָפּגעזאָגט אין כעס זיין קרעטשמע,
אָדער ניט געקענט צו קינד
קומען האָט אַ שלאַפע אשה,
צי אַ גזרה סתם אויף יידן —
האָט געהאָלפן ער געשווינט.

ניט אַליין נור יידן קומען
פלעגן צו די בעלי מופתים,
אָפט אויך גויים גאָר אַ סך,
ס׳האָבן ווייט געשם׳ט געקלונגען
זייערע נסים ונפלאות,
אויף דער גאָרער וועלט זייער שבח.

צי דער טאַטע האָט די מעשה
מיר דערציילט פון זיבן בעטלער
מיט גזלנים אינעם וואַלד,
האָט מיין קינדיש האַרץ פאַר פחד
אָנגעהויבן מיר צו קלאַפּן
און געוואָרן הייס און קאַלט.

אלי נביא׳ן מיט דער טאָרבע,
כ׳האָב דערזען אין אָרמע שטיבער
טיילנדיק דאָרט גאָלד און ברויט,
וואָס זיין ליכטיק ליבער שמייכל
ראַטעווען פון יעדער צרה
האָט געקענט אַרויס פון טויט.

פאַר דעם טיש מיט אונדז געזעסן
איז אַ שלאַנקער בלייכער אורח
טיף פאַר׳חלום׳ט אָן דער זייט,
ס׳האָט פון אים געשמעקט מיט דערפער,
שטעט און לענדער אויסגעוואַנדערט
וואָס ער האָט שוין אין דער ווייט.

און דאָס קול זיינס זיך צעטרילערט
און געקרייזלט ווי די פאות
האָט געזילבערט פול מיט דופט, —
פון די שבת׳דיקע זמירות
שיר השירים׳דיק פאַר׳כשופ׳ט
אָפּגעקלונגען אין דער לופט.

ביז דאָס מיידל האַרץ געפאַנגען
האָט ער פון מיין שוועסטער שיינער
וואָס געבליט האָט ווי אַ רויז —
איינגעלוליעט מיט געזאַנגען,
זי געקושט ווי שטראַלן רייבער
איידער ס׳לעשט דער טאָג זיך אויס.

ס׳האָט גענומען טונקלער ווערן
אַלעס איז געבליבן זיצן
אָפּגעשכור׳ט ווי פון ווייך,
נור געפאַלן ווי די שטערן
זענען זיינע אויגן־בליצן,
אין מיין שוועסטערס האַרץ אַריין.

— — — — — —
— — — — — —
— — — — — —

היינט פון הייליקן בעל שם טוב
ווען דער טאַטע פלעגט דערציילן
האָב איך זיך אַזוי געפילט, —
גליקלעך ווי אין בית המקדש
ווי עס וואָלטן די לויים
אויף די האַרפן שטיל געשפילט.

אויף דעם ווייטן וועג פון לעבן
וואָס׳ראַ דערנער, שלאַנגען, ראָבן,
בלאָנקענדיק אויף יעדן שליאַך,
כ׳האָב ניט אַלעס שוין באַגעגנט ; —
דאָך די מעשות אין זכרון
זענען מיר געבליבן וואָך...

27

ר׳איז תמיד אין טלית און תפילין
געגאַנגען אַדורך אין דער שטאָט,
און יומם ולילה געלערנט
געווען אַ פאַרקניפּטער מיט גאָט.

אַיעדן פרימאָרגן ווען דרויסן
דער פראָסט אונטער פיס האָט געקנאַקט,
איז ער געגאַנגען צו טבילה,
פון ווייסל דאָס אייז אויפגעהאַקט.

אַ שטיבעלע דלד על דלד,
געוווינט מיט זיין ווייב דאָרט און קינד, —
געהאַט האָט ער טרייע חברים,
די נויט און די קעלט מיט׳ן ווינט.
וואָס מ׳האָט פאַר רחמנות געגעבן
זיין פרוי שטיל באַהאַלטענערהייט,
דערפון פלעגט ער פירן אַ לעבן
אין שרעקלעכן דלות און נויט.

און איז ער פאַרביי ווען געגאַנגען
עס האָט אים שוין יעדער געקענט,
געפליסטערט: אַז דאָס איז געווען
אַמאָל גאָר אַ רייכער סטודענט.
נאָר פלוצים ר׳האָט אַלעס פאַרלוירן
וואָס ער האָט פאַרמאָגט אויף דער ערט,
און ר׳איז אַ בעל תשובה געוואָרן
זיין האַרץ האָט צו גאָט זיך באַקערט.

28

ניט קיין גר, קיין וואָסערטרעגער
וואָס ער האָט זיך שטיל פאַרשטעלט,
פאַר אַ למד וואָוו צו וואָגלען
דאָ בשתיקה אויף דער וועלט.
נור אַ שלאָף מסוכן יידל
וואָס אים איז געווען ניט גוט, —
ווייל געלערנט יום ולילה
ר׳האָט און צוגעשפיגן בלוט.

אָט אַזאַ מין היילִיק יידל
וואָס מ׳האָט ריידן ניט געהערט,
כ׳האָב געקענט פון הויט און ביינער
אויסגעדאַרט און אָפגעצערט.

אין אַ נאָסן בוידים שטיבל
אָפּגעווינט אין קעלט און נויט, —
זיבן מאָל אין טאָג געשטאָרבן
פּשוט פאַר אַ שטיקל ברויט

אַ מטופל נאָך מיט קינדער
איז דאָס יידעלע געווען,
תמיד הייליק ווי אַ מלאך
ביי זיין לעבן אויסגעזען.
איינמאָל אין אַ טריבן מאָרגן
ניט דערוואַכט מער האָט פון שלאָף, —
ווידער צו די אַלטע זאָרגן,
יענער אביון — למד וואָו...

29

ווען די אויבסט צייט איז געקומען
איז געווען דאָס אַ פרייד,
פּשוט גאָרניט צו דערציילן
ס׳האָט געשמעקט פון אַלע זייט.
גאַנצע קויבערס, פולע פורן,
מ׳האָט געבראַכט אין מאַרק אַריין,
אַזש געקומען ס׳איז די סלינע
יעדערן אין מויל צו גיין.

קאַרשן, ווייַנפּערלעך און אַגרעס,
עפּל, באַרן, פלוימען זיס, —
שוואַרצע בערלעך און פאַזיאַמקעס,
מיט מאַלינעס זאַפטיק פריש.
היינט ערשט אוגערקעס מיט מערלעך,
סלאַטן, באָבעס, אַרבעסשויט, —
נייע ציבעלעך מיט רעטעך,
ריבלעך, מאָן, מיט צוויקל רויט.

האָבן יעדן צוגעווונקן
און אַ חשק שטיל פאַרשאַפּט,
אַזש געוואָרן ווי באַטרונקן
יעדער איז פון פיינעם זאַפט.

אָפּטמאָל איז ביי קליינע נאַשערס
שטיין געבליבן דער פאַרשטאַנד,
און פאַר חשק צו גנבה —
אויפגעציטערט זייער האַנט.

30

פאַר יום כפור איז געקומען,
האָט דאָס לעבן אויפ׳ן מאַרק
האַסטיק שוימען זיך גענומען,
ווי אַ טייך צעשטורעמט שטאַרק.
ס׳האָט דאָס געסל אויפגעקלונגען
מיט פּיוטים, תּפילות באַנג,
איבעראַל אַרויסגעזונגען
האָט אַ טרויריק ליב געזאַנג.

קאַפּלעך, לאַטשן און קראַוואַטן,
תּפילות לייבצודעקלעך שיין,
פלעגט דאָס דאָרט אַ משא מתן
דיר פון כל המינים זיין.
די כּפּרות פולע קוישן
מיט די פיסלעך צוגעשנירט,
פלעגן קוואָקן, קרייען, רוישן,
ווייל מ׳האָט שעכטן זיי געפירט.

קוילעטשלעך מיט מאָן פאַרפלאָכטן,
עפּל, באַרנעס, טרויבן גאָלד,
האָבן אין דער זון געלאָכטן
אַזוי האַרציק ליב און האָלד.
אין די באַליעס אומגעשווומען
שלייען, העכט און קאַרפּן פיל,
זענען ביז אַרויסגענומען
זיי מען האָט פון דאָרטן שטיל.

פון לולבים און אתרוגים,
האָט עס אויך שוין ווייט פאַרשמעקט,
ס׳האָט דערפילט דאָס האַרץ דערהויבן
זיך פון טויזנט פרייד דערוועקט.
מיט מעלאָנען לעצטע בלומען
און בירהעקעס גרויס אַ סך, —
פול באַלאָדן אָנגעקומען
זענען גויים און מיט סכך.

אין דעם מרחץ אויפצוזידן
ס'האָט געגומען שטילערהייט,
דאָרט אַהין געוואַנדערט יידן
האָבן באַלד פון אַלע זייט.
ביז מיט ווייסע שיך און זאָקן
אין די הענט מיט ליכטער גרויס,
האָבן אַלע פרום דערשראָקן
צו „כל נדרי" זיך געלאָזט.

31

ס'פּנים לעדערדיק פאַרשרומפּן
מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ,
בלוי די מענער־הענט צעפּרוירן
פאַר אַ גרויסן פיקער־טאָפּ, —
איז געשטאַנען שרה שיינדל
ביי איר שראַגן מיד געקוועלט,
און זיך אויסגעקוקט די אויגן
אויף אַ קונה אין דער קעלט.

ס'האָט דעם קאַרפּעליק, די עפּל,
אָפּט באַדעקט אַ שנייען־שיכט,
און זיי זענען צוגעפּרוירן
צו דעם וואָגן אומגעריכט.
ביז די תלמוד תורה יאַטן
אָנגעקומען זענען פיל, —
זיך גענומען דינגען האַנדלען
און צו'גנב'ן אין דער שטיל.

ס'איז איר סחורה גיך פאַרשוווּנדן
נאָר זי האָט קיין געלט געהאַט,
איבערן שראַגן איינגעדרימלט
איז געפאַלן מיד איר קאָפּ,
און די בלויע הענט צעפּרוירן
אויף דעם קאַלטן פייער־טאָפּ.
איז געבליבן עגמת נפש
פונעם מסחר איר רבאַט.

עטעלע און חיה׳לע שוועסטער
זענען טרייע זיך געווען,
איינע אָן דער צווייטער קיינמאָל
מ׳האָט אין ערגיץ ניט געזען.
ביידע ווי צעזאַמגעוואַקסן
נידעריקע פון געשטאַלט,
נאָר פון זייערע בלויע אויגן
האָט דאָס גוטס אַרויסגעשטראַלט.

ביידע פלעגן זיי פאַרקויפן
עפּעלעך מיט זויערקרויט,
זעלטן נור געקענט פאַרשטאָפן
ס׳מויל — פון דלות און דער נויט.
נאָך דעם גאַנצן טאָג פאַרמאַטערט
אָנגעקומען שפּעט ביי נאַכט,
קוים די ווייע פיס געשוואָלן
האָבן זיי אַהיים געבראַכט.

אין דער שטוב אַן אַלטע פּראַסע,
מיט אַ בעטל טיש און שאַנק,
דאָרט געשטאַנען איז אַ שעפל
און אַ קווערטל אויף אַ באַנק.
נאָך אַ פּאָר צעבראָכנע טעפּלעך
אויף אַן אויוון קאַלט און שטאַר,
איז געווען זייער רייכטום
און דער גאַנצער אינווענטאַר.

פּלוצים עלנט קראַנק געוואָרן
עטעלע עס איז אַמאָל,
האָט מען באַלד איר צוגענומען
און געבראַכט זי אין שפּיטאָל.
חיה׳לען אין גאַס צו לויפן
פלעגט מען שוין ניט מער צו זען,
ווייל עס איז אויך איר לויה
טרויריק באַלד דערנאָך געווען.

33

איף דעם וועג פון קראָקע קזשאַנעוו
מיט די קוישן אָנגעהויפט,
זענען „פראַכטערס״ איינגעשטיגען
סחורות כלערליי פאַרקויפט.
פּאָמעראַנצן, טשאָקאָלאַדעס,
ווורשט און חלה׳לעך מיט מאָן,
און פאַר יעדער סטאַציע איילט
זיך די קוישן אָנגעטאָן.

און אַרויף אַראָפּ געשטיגן
פשוט וועלטן איבערקערט,
און דערפון געפירט אַ לעבן
ווייב און קינדערלעך דערנערט.
מיטן פאָרן אָפּגעשפּרינגען
אָפּט צו שפּאָרן דעם בילעט,
הענט און פיס זיך שיר צעבראָכן
און דעם קאָפּ אויף צוויי געפּלעט.

זין דערצויגן לומדי תורה,
כלות אָפּגעשפּאָרט נדן,
אויסגעגעבן זיירע טעכטער
יעדן פאַר אַ פרומען מאַן.
ווייל שוין איינמאָל אַ מדינה
איז געוועזן „קירה־מאָק״,
ווער עס האָט פאַרדינט אַ גראָשן
האָט געלעבט אַ גוטן טאָג.

34

אין קאסערען הויף פון „וואַוועל״
איז געוועזן אַ הויכער פּלויט,
אויפגעהאָנגען דאָרטן זעלנער
מ׳האָט פאַרמשפּטע צום טויט.
אָדער ווער באַקומען „שפּאַנגען״
ס׳האָט, דעם האָט מען פיס און הענט, —
צוגעבונדן ביז גע׳חלש׳ט
ר׳האָט זיך רירן ניט געקענט.

אָפּגעמונטערט מיט אַ שעפּל
וואַסער האָט מען אים פון ווײ,
און פון בוים אַראָפּגענומען
צוצובינדן אים אויפסנײ . . .
אַלע וואָס צום טויט פאַרמשפּט
האָבן תּמיד נאָך געגלויבט, —
אַ „באַגנאַדיגונג" פון קיסר
וועט זײ ראַטעווען פון טויט...

— — — — — —

האָט פראַנץ יאָזעף אויסגעקליבן
זיך דורך קראָקע דורכצופאָרן,
איז בײ די וואָס פלעגן ליבן
אים אַ שמחה באַלד געוואָרן.
אַלע גאַסן־לעמפּ, סטאַציאָנען,
האָבן זײ געלאָזט באַפּוצן,
מיט די פאַרביקסטע לאַמפּיאָנען
זײנע וועגן צו באַבליצן.

אינעם „גאַלאַ" אויסצושטעלן
האָבן שטאָלץ זיך אָנגעפאַנגען, —
גאַנצע מיליטער־קאַפּעלן
מוזיק און מאַרשירט מיט קלאַנגען.
אָפּגעהילכט דרײ סאַלוון הײסע
האָבן גיך, מיט זילבער שפּאָרן, —
ווען מיט באַקנבערט מיט ווײסע
ס'איז פראַנץ יאָזעף דורכגעפאָרן.

35

אויף די אַלטע טיפע פלאַנטן
קראָקעס גרעסטער שטאָלץ און ציר,
צווישן בוימער פראַכט גיגאַנטן
רויזן ליליעס אָן אַ שיר,
איז אַ ביידל זיך געשטאַנען
פול מיט בלומען גרינס באַצירט,
אונטער חופּות פון קאַסטאַניען
האָבן מיידלעך קאָקעטירט.

און סטודענטלעך פּיין געמידערט
אין מאַנדורן שטאָלץ און שיק,
אין די מיידלעך איינגעגלידערט
האָבן שטילע זייער בליק...
און די מיידלעך מיט די אויגן
האָבן זיי אַזוי באַזעלט, —
אָפּגעענטפערט, זיך פאַרבויגן
און אויף אָונט שטיל באַשטעלט.

האָבן הערצער פרייע, העלע,
אויפגעפלאַמט פון ליבע גליק,
ווען די מיליטער־קאַפּעלע
האָט געשפּילט דאָרט „פּלאַץ־מוזיק“.
און צעוויגטע פון געפילן
אָפט מען האָט מיט פרייד דערפילט, —
אינעם כשוף פונעם שפּילן
אַז מ׳האָט לייזערקען געשפּילט.*)

36

זיך געלאָזן אָפט שפּאַצירן
האָמיר שבת ווייט צום מיל,
דורך דעם וועג פאַרביי וואָס פירן
פלעגט דורך קירעס פעסטונג שטיל.
פון אַ גרינעם באַרג געבויגן
סודות׳פול אַרויסגעבליקט, —
לעכער פון קאַנאָנען־אויגן
האָבן ווילד אויף אונז געקוקט.

אין דער פעסטונג זעלנער דאָרטן
האָבן זיך געאיבט, געצילט, —
אויסגעשאָסן, דאַן ביי קאָרטן
זיך מיט ביר דעם דורשט געשטילט.
מיר ווי הירשלעך פריי, צעלאָזן,
האָבן צווישן ביימלעך בעז,
עסען זיך געזעצט אין גראָזן
ראַזאָוואַנע ברויט מיט קעז.

*) אַ באַרימטער בעל מנגן און קאָמפּאָניסט

37

אָ, פּוילישע ווייסל דו האַרציקע מוטער,
מיר זאָג וואָס דו רוישסט אַזוי באַנג, —
צי טראָגסטו דעם פּוילישן שמערץ אין דיין בוזעם,
באַזינגסט אים אין וואַלן געזאַנג?
וואָס מורמלען אַזוי דיינע זילבערנע שטראָמען
פאַרבאָרגענע טיף אין דיין שויס,
צי זענען דאָס פּיינען דערשטיקטע פון דורות
וואָס אָפּט גיסט דיין האַרץ זיי אַרויס.

אָ, פּוילישע ווייסל דו האַרציקע מוטער!
מיך טריבט אַזוי בענקענד דיין ליד,
עס שטייט פאַר דיין באָרטן פאַרמאַטערט דערשלאָגן
עס וויינט אויף דיין חורבן אַ ייד.
אָ ווייסל וואָס ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן
און בלאַס ווי אַ מיידל פאַרשעמט;
דיין זילבערן פּנים נאָך בלייכער און טריבער,
האָט אפשר מיין טרער דיך פאַרקלעמט?

צי פילסטו ביי דיר ניט אין האַרצן אין טיפן
אַ שטראָמל וואָס רוט ניט און זידט, —
צי האָט ניט אַמאָל ווען דיין טיפקייט פאַרשלונגען
אַ טייכל פון יידישן בלוט?
יאָ, ווען איך דערהער נאָר דיין טרויריקן ניגון
פאַרקלעמט מיך ביים האַרץ אַזוי שווער,
אָ, פּוילישע ווייסל דו האַרציקע מוטער,
פאַרנעם אָ די יידישע טרער!

38

דיין אויג עס ווערט העלער און גרעסער און פייכטער,
דיין יעדערער קאַרב פון דיין פּנים פאַרטראַכט,
ווען ס׳גליט אויף דער פלאַם פון די זילבערנע לייכטער
מיט גאָלד און מיט פורפור פון שבת־פאַרנאַכט.
דו שטייסט פאַר די כשר׳ע עדות געבויגן
מיט צער און מיט ליבע און טיפן געפיל,
און הייליקע טרערן ביי דיר פון די אויגן
זיי רינען אַרונטער פאַרבענקט אין דער שטיל.

און יעטוועדעס קריצל און בלימל גראַווירטע
פון אַלטע פאַרצייטיגיש הייליקע הענט, —
דערמאָנען אָן באָבעשיס ברכות געריׄרטע
וואָס זי האָט אַמאָל אויף די לייכטער געבענטשט.
און וויפל פאַרשוויגן דערשטיקטע פאַרלאַנגען
באַהאַלטענע תשוקות פון שמחות און לייד,
פון דורות וואָס זענען פון לאַנג שוין פאַרגאַנגען
און אָפּגעמעקט האָט זייער זכר די צייט.

דערמאָנען שבתים, יום טובים באַגליקטע
פאַרפולטע מיט יידישן גלאַנץ און מיט שיין,
דאָס טישטעכל ס׳זיידן געוועבטע, באַשטיקטע,
וואָס פלעגט אויף די חלות צו ליגן מיט חן.
די בלויע סאַפּירן, רובינען און שטערן,
דער באָבעשיס פערל, איר צאַרטער געזיכט, —
מיין מאַמעס פאַרגאַסענע הייליקע טרערן
אַ, אַלעס לעבט אויף מיט דעם שיין פון די ליכט.

39

צער און צרות, נויט און דאגות,
אַלעס ליב און שטום פאַרנומען,
און די גאַנצע וואָך געוואַרט נאָר
אַז דער שבת זאָל שוין קומען.
איז געקומען ערב שבת
אין זיין חדר אָרים טונקל,
האָט די שכינה אויפגעלויכטן
און געשטראַלט האָט יעדעס ווינקל.

אָנגעטאָן די שענסטע קליידער
וואָס ער פלעגט נאָר צו פאַרמאָגן,
איז פון מרחץ ער געקומען
ליכטיק זויבער אויסגעצוואָגן.
ס׳האָט זיין בעקעשל געשימערט
ווי פאַרשווונדן יעדע לאַטע,
כ׳האָב דערזען זיין הדרת פנים,
ניט דערקענט דאָס איז מיין טאַטע...

איז געקומען ערב שבת
האָט ער מיט אַ צער אַ זיסן,
אָפּט פון שטוב דעם לעצטן חפץ
שטיל פאַרזעצט אָן מאַמעס וויסן.

אַז עס זאָלן ווײַן און חלות
קיינמאָל ניט חלילה פעלן, —
פלעגט ער פשוט אַלע נסים
שבעולם אַנצושטעלן.

זײַנע בלויע קינדער־אויגן
האָט אַ חדוה אָנגעצונדן,
און דער עצבות פון דער וואָכן
איז געוואָרן ווי פאַרשוווּנדן.
שבת קודש, שבת קודש,
איז דאָך ווידער שוין געקומען:
האָבן זײַנע טײַרע ליפּן
הייליק פּערלען זיך גענומען.

און די הענט די ציטריק דאַרע
האָבן אויפגעפּאַטשט פּאָר פריידן,
פון זײַן הייליק בלאָסער מראה
האָט געלויכטן דער גן עדן...
שיר השירים, שיר השירים,
האָט זײַן שטימע אויפגעקלונגען, —
ווי עס וואָלט אַ טײַערער פויגל
זיך צעטרילערט און צעזונגען.

און דער ווײַן געגרייט אויף קידוש
אויף דעם שלחן ווײַס באַצויגן,
איז געשטאַנען מיט דעם אַלטן
בעכער אויסגעטאָקט מיט טרויבן.
איז געקומען ערב שבת
האָט ער שטיל אַרומגענומען,
זײַנע לענדן מיט אַ גאַרטל
און דערוואַרט דער מלכה׳ס קומען.

40

אָ, שלום עליכם, מלאכי השלום,
צעשפּרייטער פון תענוג און רו,
מיט לויבן צעזינגען די ווינקלעך אין שטוב זיך
און בענטשן די געטלעכע שעה.

און גלייך אין בית־מקדש פון האַרפן צעכשופט
קלינגט צאַרט אשת חיל מיט חן, —
עס זינגט אים מיט ליבע מיין אַלטינקער פאָטער
מיין מוטער בליקט שעמעוודיק שיין.

איך הויב אויף דעם בעכער, דערלאַנג אים מיין פאָטער
וואָס שטראַלט פון קדושה און גליט.
עס קלינגט יום השישי, די הימלען זיך שפּאַלטן,
ס׳מאַכט קידוש דער הייליקער ייד.
עס פילט די נשמה זיך העלער דערהויבן
פון הייליקן שבת צעוויגט,
פאַרהילט אין אַן אייביקן ליכטיקן גלויבן,
פאַרשכורט, צעשפילט און באַגליקט.
— — — — — — — —

ווו איז זי, איך וועל איר דעם גילדענעם בעכער
מיט קידוש־וויין פול איבערגעבן, —
ווו איז זי, די מלכה די שענסטע פון שבת,
ווו איז זי, דער טרוים פון מיין לעבן?
חלות געקנעטן מיט מאַנדלען מיט זיסע,
דאָס וועלן פאַרליבטע מיר עסן.
מיט ראָזשינקעס מאַנדלען גאַר קינציק געפלאָכטן,
ווו איז זי, די שבת־פּרינצעסן?

איך וועל אירע צעפּ די באַחנטע די שוואַרצע
צעפלעכטן מיט פריידן און פרידן,
און זינגען: דו ביסט דאָך די טאָכטער די שענסטע,
די טאָכטער די שענסטע פון יידן!
זי וועט מיך וויגן, דער וויין וועט זיך גיסן,
מיט זיסע חלומות, געזאַנגען;
און שיר השירים וועט טרילנדיק קלינגען
מיט הימלישע קושן און קלאַנגען.

41

אוי אתקינא סעודתא, טאַטע געטרייער,
ס׳צעגיסט זיך פון טשאָלענט און קיגל דער טעם,
און ס׳גליט אין דער מלכהתאס אויגן אַ פייער
אַ שכינה גן־עדנ׳דיק הייליקער פלאַם.

און עפּל מיט באַרן און צייטיקע טרויבן
זיי בליקן פון שלחן אַרונטער מיט חן,
און זמירות פאַרחלומטע שבחים און לויבן
פאַרוויגן, פאַרשכורן דאָס האַרץ ווי אַ וויין.

און פייגל אַ זינגענדיק גאַנצע חבריה
זיי פּיקן דעם שריים אַרונטער מיט לוסט, — —
פון פענסטער — און דורך אַ סיעתא דשמיא
וואַכט אויף אַ געוואַלטיקער שיר אין מיין ברוסט.
אַ ליבסטע עס שטייט שוין די זון מיטן הימל
און קיל איז אין סאַד פון דעם גערטל אַצינד,
אַ יעטוועדעס עפּעלע, באַרנדל, בלימל,
זיי פלאַפּלען ווי קינדער געוועקטע פון ווינט.

לען אונטער מיין האַרץ מיר מיט שמעקנדע עפּל,
ווייל טיף כ׳בין גערירט פון דיין צניעות און באַנג,
און לייג אויף מיין ברוסט מיר דיין גאָלדענעם קעפּל,
ווייל כ׳בין נאָך דיין ליבע פאַרשמאַכט טיף און קראַנק.
און נעם מיט די אויגן די תמימותדיק פרומע
געפאַנגען אויף אייביק מיין האַרץ וואָס גייט אויס, —
אַ יידישע טאָכטער דו קרוין פון מיין אומה,
ווער ווייס ווי געוואַלטיק דו ליבסט און ווי גרויס!

42

איך האָב אַזוי ליב דיך מיין קינד בין השמשות,
ווען ס׳גלעט מיך מיט יראה דיין מיידלעשער בליק,
און ס׳נעמט מיך געפאַנגען דיין האַרץ מיט בקשות
און וויגט מיך פאַרבענקט אין זיין גילדענעם וויג.
די באָבעניו שטייט מיט דעם הייליקן סידור
און דאַוונט שוין מנחה, אין דרויסן איז שטיל;
פון קליינעם בית־מדרש טראָגן זיך לידער —
מיט צער און מתיקות און טיפן געפיל.

אָ, נעם אַ כזית אַ שטיקעלע חלה
און מאַך שלוש־סעודות, מאַך מוציא מיין קרוין,
און בענטש מיין נשמה, מיין האַרציקע כלה,
וועט לייכטן דיין מזל און גרויס זיין דיין לוין.

איך וואָלט אַזוי גערן צוזאַמען געזעסן
צו זען נאָך מיט דיר ווי די זון דאָרט פאַרגייט;
און באַנג ווי ס׳געזעגנט די שבת־פּרינצעסן
זיך שטיל און זי מאַכט צום אַוועקגיין באַרייט.

אָ, גאָט פון אברהם, דערהערט זיך מיט טרערן,
דער הייליקער שבת שוין גייט זיך זיין גאַנג,
אין הימל באַוויזן זיך איינציקוויז שטערן,
אין האַרצן ביי מיר נור ווערט טרויריק און באַנג.
דער זיידעשי באַלד וועט אויך מאַכן הבדלה,
איינרייבן די הענט זיך די טאַשן מיט וויין,
אַ סגולה פרנסה, אַ פול־וואָך־התחלה — —
און ס׳וועט אַ מלוה־מלכה אויך זיין.

43

הער שוין אויף באָבעניו זינגען דיין לידל
ס׳איז טונקל אַזוי שוין אין שטוב,
די שאָטנס פאַרשפּרייטן אַן אומעט, אַ טרויער,
און דו אַזוי בלאַס ווערסט און טריב.
שטיל אַזוי ווערט און דער הייליקער שבת
זיך גייט שוין במנוחה זיין גאַנג,
און אין מיין האַרצן, אָ באָבעניו טיירע,
מיר ווערט אַזוי אומעטיק באַנג.

דערצייל מיר דאָס מעשהלע, טיירע דערצייל מיר,
איך וועל שוין ניט וויינען דערצייל,
ווו זענען פאַרשוווּנדן די שעפּסלעך די ווייסע
אַ באָבעניו זאָג עס מיר שנעל.
האָט מען דאָס העמדל פון יוסף הצדיק
געפאַרבן ניט רויט מיט זייער בלוט?
עס קלעמט נור ביים האַרץ מיך, אָ באָבעניו טיירע —
איך וויין שוין אַ קאַפּקעלע ניט.

דו גייסט שוין אַ ליכטל, אַ ליכטל אָנצינדן,
ניין, גיב מיר די האַנט דיינע גיב,
דערהאַלט נאָך דעם שבת און צינד ניט קיין ליכט אָן,
דעם שבת וואָס כ׳האָב אַזוי ליב.

עס ברענט נאָך קיין פלעמל אין שול ניט אין אַלטער
און ס׳געסעלע רוט אויך באָך מיד,
די זון נור זי קושט שטיל פון שול אויס די פענסטער
מיט רויטינקע שטראַלן ווי בלוט.

די אויגן די בלויע זיי ווערן דיר טריבער,
דיין קול איבערייסט זיך פאַרפיינט,
די שאָטנס באַקומען זיך וואָס אַמאָל ליבער,
אומאַרמען זיך, קושן פאַריינט.
אַ שטערנדל ווייזט זיך פאַריתומט אין הימל,
דער שבת דערבליקט עס מיט ווי, —
ס׳איז נאַכט שוין, די זון איז פאַרגאַנגען, דער שבת, —
מיין באָבעניו אויכעט מיט זיי...

44

לאַנג פאַרצייטן אין קהילה
פחדימדיקס עס איז געשען,
מ׳האָט פאַרבאָטן מצות־מילה
אינעם יאָר, — פון אַכצען צען.
ניט געדאָרפן איבערטרעטן
האָט מען דעם גזר פון פייך,
האָבן טיף צו גאָט געבעטן
מיט תחנונים גרויס און קליין.

ס׳איז געווען אַ מאַן אין יאָרן,
ווי אַ גדול זיך געפירט ;
האָט מען גלייך צו „מאָנטעפיאָרען"
קיין פאַריז אים דעלעגירט.
און מען האָט דורך אים באַפוילן
אַלעס און געבעטן גאָט, —
ווייל אַ גזר אין רוסיש־פוילן
אַלע יידן האָט באַדראָט.

און נאָך עצות, שמועסן שטילע,
מ׳איז געקומען צום באַשייד,
אַז ס׳זאָל לאָזן די קהילה
מאַכן אים אַ סאַמעט קלייד.

ווייל שוין לענגער ניט אויסהאַרן
האָט געקענט מען די געפאַר,
שיקן מ'האָט געמוזט צום „צאַרן"
מאַכן בטל דעם גזר . . .

אין אַ גרויען אינדערוואָכן,
איז אַוועק ער צום פעראָן,
מיטן וועג אים מ'האָט געשטאָכן,
אָנגענומען אַלס שפּיאָן.
אַז ער איז אַהיימגעפאָרן
אַלץ געווען איז ווידער גוט,
נאָר צייט דאַמאָלט קראַנק געוואָרן
איז ער און געשפּיגן בלוט.

באַלד דערנאָך אַ גרויסע צרה
האָט זיין ווייב געטראָפן טיף, —
אָפּגעהיטן אין גמרא
האָט דער זיידע לאַנג אַ בריוו:
פון „ר' משה מאָנטעפיאָרען"
וואָס מען האָט געשיקט צו אים;
מיר דערציילט אַזוי פאַר יאָרן
האָט מיט שטאָלץ מיין מאַמעס שטים...

45

חומש, רש"י און גמרא,
תוספות, משניות תנ"ך,
כ'האָב געלערנט מיט התמדה
און געחזרט מיר אַ סך.
פון די דאָזיקע למודים
האָב אַמליבסטן איך געהאַט,
לערנען אַ שטיקל חומש
און אַ ביסל תנ"ך בפרט.

גרעסער, שטאַרקער, שטאָלצער, פרייער,
כ'האָב אין האַרצן זיך דערפילט,
אינעם עבר'ס גאָלדנעם פייער
איינגעכשופט און פאַרהילט.
יעקב'ן איך האָב געהאָלפן
וועלגערן אַראָפּ דעם שטיין,
און געמאַכט די שאָף אָנטרינקן
פאַר זיין רחל'ן נור אַליין.

ווייל עס האָט איר צאַרטער פּנים
מיך באַצויבערט און אַנטציקט,
מיט געוויין ווען ס׳האָט זי יעקב
קושנדיק צום האַרץ געדריקט.
אַזאַ צניעות׳דיקע שיינקייט
כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט דערזען,
דורך די גאַנצע קינדער יאָרן
כ׳בין אין איר פאַרליבט געווען...

46

אין די אָוונטס באַלד נאָך מעריב
ווען דער שניי אַריינגעבליצט, —
האָט אין חדר ווי בריליאַנטן
און דאָס געסל ווייס באַפּוצט.
זענען מיר ביים תנ״ך געזעסן
נאַשנדיק פאַרשטעקט פון הענט,
„זשוויגערלעך״, געפּרוּווירן זיסע,
ווען דער אויוון האָט געברענט.

ס׳האָט דעם רבינ׳ס קול געקלונגען
אָפט מיט אימה, טרויעריג ביז, — —
ישעיהו אויסגעוואַקסן
איז פאַר אונז אַ שטאָלצער ריז.
ווען מיר האָבן ציונס חורבות
באַנג דורך ירמיהן דערזען,
איז דער טייערער בעל־בכי
ליבער אונז ווי אַלץ געווען.

ווי פון טרערן איבערבראָכן
ס׳וואָלט ביים רבין זיך די שטים,
האָבן זיינע זאַנפטע ווערטער
אונדז געגלעט באַהאַרצט אינטים.
מיט זיין זילבער באָרד צעפלאַטערט,
אַש, אַרומגעגורט זיך לענד,
ירמיהו האָט פאַרצווייפלט
וויינענדיק צעשפּרייט די הענט.

נאָר עס האָט אונז אויסגעדוכטן
בעת דער רבי האָט גערעדט, —
אַז אַליין ר׳ משה באַדער*)
ירמיה איז דער פּראָפעט.
ס׳האָט די קנויט געגומען שמינקלען
אויסגעלאָזט זיך האָט דער נאָפט,
און געבליבן אַלע קינדער
זעמיר זיצן ווי פאַרגאַפט.

47

זומער־לעב כמעט די שיינקייט
כ׳האָב ניט פון נאַטור געזען,
נור געלעבט אין ציונס עבר
איבעראַל אין טרוים געווען...
כ׳האָב געהערט דעם ירדן פליסן
מיט זיין זילבער וואַלנגאַנג,
די לויים האַרפן שפּילן
אַ פאַרכשופטן געזאַנג.

די מרגלים אָנגעקומען
מיט אַ הענגל טרויבן באַלד,
זענען, ווי די זון צעפּורפּורט —
האָט אַ יעדע טרויב געשטראַלט.
אונטער הימל־הויכע פּאַלמען
און איילבירטן־בלעטער גרין,
כ׳האָב אין שאָטן זיך באַהאַלטן
פאַר דער פייערדיקער זון.

פון די בערגער און די טאָלן
האָט שולמית שטיל באַגלייט, —
אירע שעפעלעך און דוד
צוגעשפּילט האָט אויף זיין פלייט.

*) אַ העברעאיש־יידישער שרייבער — דעם באַרימטן גרשם באַדער׳ס פאָטער.

פון די פורפורדיקע טרויבן
אָנגעפולט מיט זיסן זאַפט, —
כ׳האָב ביז היינט מיך אָנגעזויגן
פול מיט מוט און שטאָלץ און קראַפט.

48

פון אַ ברעטל אַ באַמאָלטן
כ׳האָב אַ קעסטל מיר געמאַכט,
דאָרט אַהין אַריין באַהאַלטן
מיינע צאַצקעלעך פול פראַכט.
וואָס איך האָב פאַר געלט אין חדר
איינגעהאַנדלט שטיל, געהיים,
אַז חלילה זיך ניט קיינער
זאָל דערוויסן אין דער היים.

אין דעם קעסטעלע דעם טיירן
וואָס געווען מיט ציץ פאַפיר,
אויסגעקלעפט איז און מיט פאַכלעך
קליינע איינגעטיילט ביי מיר.
האָב איך אַלץ אַריינבאַהאַלטן
וואָס איך בין באַזעסן נאָר ;
מיט די צאַצקעס דורך ד שפאַלטן
אָפטמאָל זיך געקוויקט ביז גאָר.

קנעפלעך, בלעכלעך, ביינדלעך, נעגל,
פלעגן ליגן דאָרט אַ סך, —
העמערל און צווענגל, זעגל,
אַלץ באַזונדער אין זיין פאַך.
היינט די גלעזלעך, שטיינדלעך זעלטן
שיינע שטיקלעך מעש ווי גאָלד,
וואָס ביי מיר געווען ווי וועלטן
זענען אַזוי ליב און האָלד.

כ׳פלעג מיין קינדער־תאוה שטילן
ווען דאָס קעסטל כשופדיק
אויפגעמאַכט איך האָב און שפּילן
ווען איך פלעג זיך פול מיט גליק.

נאָכן חדר איז אַ ברכה
שטעטס געווען מיר דער פאַרנאַכט,
כ׳בין געווען דער בעל מלאכה,
אַלעס מיר אַליין געמאַכט.

העמערל און צווענגל, זעגל,
ניט גערוט די גאַנצע צייט, —
האָבן, מיט די בלעכלעך, נעגל,
בחברותא זיך געפרייט.
ביז איך האָב צענויפגעשלאָגן
מיר אַמאָל פון ברעטלעך קליין, —
און פון רעדלעך אַ וואָגן
זיך געלאָזט אין וועלט אַריין.

49

ס׳קעצעלע פון אונזער הייזל
הונגעריק געווען איז ס׳רוב,
פלעגט דערשפּירן עס אַ מייזל
באַלד געמאַכט ס׳האָט אים דעם סוף.
היינט ערשט ווען אַ שטיקל שמחה
ס׳האָט די באָבעניו געמאַכט,
איז געווען דאָס אַ מומחה
אויף צו גנב׳ן אומבאַאַכט. — —

פונעם קערבל ס׳אויסגעזאַלצן
שטיקל פלייש געשווינד אַוועק,
זיך דאָס העלזל אויסגעשמאַלצן
האָט געדרייט עס מיט׳ן עק.
און פאַר שווילטאָג ווי באַזאָפן
קאָזשעלקעס געמאַכט אויף דר׳ערד,
פאַר דער באָבעס טריט אַנטלאָפן
ווען זי האָט זיי נור דערהערט.

ווי מיט ברענענדיקע פאַקלען
אויגן ווילד געזוכט די גאַס,
ווען די באָבע האָט צו מקל׳ן
אָנגעהויבן זי מיט כעס.
אין געהאַקטע בייזע ווינדן
איז געשפּרינגען זי געשנעל,
שרעק געהאַט אַרונטערשינדן
ס׳זאָל די באָבע ניט איר פעל.

50

קאַלט אין אָוונט, ווען די שנייען
פלעגן פינקלען בלויליך בלאַס,
און די זאַווערוכעס דרייען
זיך פאַרלאָזן אויף דער גאַס.
בין איך מיט אַ לאַמטערן
שטיל געוואַנדערט אינעם פראָסט, —
ווי אַ ציטערדיקער שטערן,
זיך אין קלויז אַריינגעלאָזט.

ביי אַן אויוון אינעם שאָטן
וואָס ער האָט געגליט געפלאַמט,
בולבעס כ׳האָב אין אַש געבראָטן
מיר, געגעסן זיי באַטעמט.
פאַר אַ חומש כ׳בין געזעסן
אינעם לולקע־רויך פאַרהילט,
מיט אַ חבר ווי פאַרגעסן
זיך אין „סמך פא״ געשפּילט...

פון ר׳ לייזערקען די שטיקלעך
האָבן מיר געחזרט לאַנג, —
און געוועזן איבערגליקלעך
יעדערער מיט זיין געזאַנג.
זיך געפערלט חסידיש פיינע
זמירות האָבן ווי אַ טל, —
און נגונים האַרציק שיינע
פון ר׳ אבוש מאיר ז״ל...*)

51

חנוכה, אין גאַס צו שטורמען
ווען דער ווינט פלעגט מיט׳ן שניי,
האָב איך אויסגעשניצט מיר פורמען
אָנגעגאָסן זיי מיט בליי.
דריידלעך מיט געטאָקטע פליגלען
האָב איך דאַן אַרויסגעבראַכט,
פון די פורעמס וועלכע שפּיגלען
פלעגן זילבערן מיט פראַכט.

*) אַ חסידישער חזן, אַ גרויסער בעל מנגן.

דאָך אַמשטאַרקסטן פלעג איך ליבן
אינעם חנוכה די קאָסט, —
פונעם פסח־שמאַלץ די גריוון
יום־טוב׳דיקע אויסגעלאָזט.
היינט דאָס זיצן זיך געמיטלעך
ביי אַ טישל ליב פאַרקלערט,
שפּילן דאָמינעס מיט קוויטלעך,
ניט פון קיינעמען געשטערט.

און דערווייל די זילבער קווייטלעך
אויף די שויבן פול מיט חן,
צו באַטראַכטן מיט די קנייטלעך
פון מנורה׳ס גאָלדנעם שיין.
און צו חלומען כסדר
פון דעם קינדש גרויסן גליק, —
ווען מעט צינדן נאָכן חדר
„חנוכה לעכטלעך מיט מוזיק״.

52

ווען געקומען סוכות צייט איז,
האָב געמאַכט געשניצט איך מיר,
בריקן, פייגל, קערבלעך, קייטן,
אויס דעם שענסטן ציץ־פּאַפּיר.
וואַקס געוועלגערט, אויסגעבלאָזן
אייער קינציק, פיין און מילד,
פליגעלעך מיט קעפּ פאַרלאָזן
זיי מיט לייש־גאָלד שיין באַגילט.

אויסגעטאָקט און אויסגעשניטן
פון אַ ריזיקן מעלאָן, —
פענסטער מיט אַ ליכט אין מיטן,
מיר אַ הערלעכן לאַמפּיאָן.
ווען אַריין איך בין געקומען
אין דער סוכה אויף דער נאַכט,
האָט דער ריח דורכגענומען
מיך פון גרינעם פרישן סכך.

53

זינגערלעך צענויפגעקליבן
האָב איך מיר געניטע דריי,
און פאַרנאַכט אַרויס בגנבה
פונעם חדר שטיל מיט זיי.
פאַר די תלמוד־תורה טויערן
האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט,
איך געווען בין דער בדחן —
מיין געוועזן איז די וועלט.

ווען אַ כלה ליב באַזונגען
האָב מיט אומעט איך צום גראַם,
האָבן חברה צוגעהאָלפן
מיר מיט: אוי, אוי, בים, באָם, באָם.
ווי אַ חזן ביי דעם עמוד
כ'האָב צעגאָרגלט זיך צעזאָגט,
ניט פאַרגעסן נאָכצומאַכן
ווי אַ כלה וויינט און קלאָגט.

54

פורים האָמיר פאַר „מאַשגאַרעט"
אַלע זיך פאַרשטעלט פאַרקליידט,
אויפגעשפילט „מכירת יוסף"
פאַר די שענסטע בעסטע לייט.
האָט מען לעקעך אונז געגעבן,
פלאָדן מיט דעם בעסטן וויין,
און אויך גרייצערס אין די טאַשן
איז אונז וויל געווען און פיין.

55

אין דער זון פון ערב פסח
אויפגעטאָטעמט האָט מען פריי,
און אַרויסגעשטעלט די בעטלעך
מיט די שעניקלעך פון שטרוי.
איבערשאָטן, און געוואַשן
און געשייערט לאַנג מיט פלייס,
און פאַרטיליקט אַלע וואַנצן
דאָרט מיט וואַסער זידיק הייס.

ס׳איז געוואָרן ס׳גאַנצע געסל
ווי אַ רוישיקער יריד, —
טעלער,גלעזער, גאָפּל מעסער,
מ׳האָט גע׳כשר׳ט און געגליט.
און געטראָגן קערב מיט מצות,
אייער, שליוואָוויטץ, מיט ווייַן,
קליידער, גרינס, מיט מאַנדל־קיכלעך,
אוי, ווי פלעגט דאָס ווויל צו זייַן.

איז געקומען ערב פּסח
האָבן מיר פון יעדער שטוב —
ס׳חמץ טריי צענויפגעזאַמעלט
און געגראָבן אויס אַ גרוב.
אָנגעצונדן באַלד אַ פייער
וואָס עס האָט געפלאַקערט וויל,
ביז געוואָרן ס׳גאַנצע חמץ
איז פאַרשרפעט ווי אַ קויל.

56

פול מיט חדוה און נחמה
האָט די זון אין שטוב אַרייַן,
זיך געגאָסן, די נשמה —
אָנגעפילט מיט זונענשייַן.
ס׳איז דער טאַטע אָנגעקומען
פונעם מאַרק צעשמייכלט שטיל,
מיטגעבראַכט האָט בעז און בלומען
ער מיט שבועות גראָזן פיל.

אינעם שבת׳ניק זיך באַקן
קנישעס פול מיט מאַנדלען קעז,
עס פאַרנעמען די געשמאַקן
רייצן צו אַ נאַש, אַן עס.
און מיין שוועסטער ליב באַשיידן
זי באַקראַנצט די מעבל ווענט,
ווערט פון שטיבל אַ גן עדן
וואָס עס בליצט און דופט און בלענדט.

פון אַ ריטל מיר אַ פייפל
שניץ איך קינציק אויס און פיין,
לויף אַרום מיר ווי אַ טייפל,
פייף מיט פרייד אין וועלט אַרייַן.

ווי פון געטלעכע עולמות
הערט אַ קול זיך האַרציק שטיל, —
ס׳זינגט דער טאַטע דעם „אקדמות
מילין״, מיט אַ טיף געפיל.

57

ווען די באָד־צייט איז געקומען
האָט די ווייסל אויפגעלעבט,
ווי די פישלעך אינעם וואַסער
האָבן מיר אַרומגעשוועבט.
און געפּליאָסקעט אין די כוואַליעס
פון דער פייער זון צעבליצט,
אויפגעצאַפּלט און געשפּרונגען
איינס דאָס אַנדערע באַשפּריצט.

איינמאָל האָט אַ שלעפּ געגעבן
מיך אַ שטראָם אַריין מיט גויט, —
אין אַ גרוב, אַז כ׳האָב דערזען
אויף אַן אמת שוין דעם טויט.
האָב געוואָלט איך שרייען, רופן,
ראַטעוועט אַרויס מיך גיך, —
און דערווײַלע אַנגעזאָפּן
מערער נאָך מיט וואַסער זיך.

שוין געהאַט דער טויט געפאַנגען
אויף אַ ווײַל מיך האָט מיט פּיין,
כ׳האָב דערזען אין טהרה־שטיבל
זיך, געהערט די מאַמעס שריי׳ן.
און געוואָלט שוין אונטערגעבן
לאָזן זיך אין גרוב אַראָפּ, —
האָט אַ האַנט אַ הויב געגעבן
פון פאַרזונקען מיך ביים קאָפּ.

כ׳האָב געמיינט אַז קינצן מאַכסטו —
האָט צו מיר גערעדט אַ יינג,
און דערווײַלע האָסט אויף אמת
דו געכאַפּט אַ גוטן טרינק . . .
וואָלסט דערזען די עלטערבאָבען
ווען איך שלעפּ דיך ניט אַרויס
פון דער ווייסל, חסיד גנב,
און געפּגרט ווי אַ מויז.

וואָס דען פאַר אַ שכר הליכה
ווועסטו שפּעטער געבן מיר?
ווען ניט איך, דו וואָלסט געלעגן
מיט די פיס שוין צו דער טיר.
אַז מען האָט מיך אָפּגעמונטערט,
פון דעם שטראָם אַרויסגעשלעפּט,
האָב איך ערשט דערפילט ווי ליכטיק
און ווי גוט ס'איז אַז מען לעבט.

58

תשעה באב מיט שטאָכל עפּל
האָבן מיר די מיידלעך'ס צעפּ
איינגעריבן און מיט קנאָבל
זיי נאָך אויסגעשמירט די קעפּ.
זיך געמאַכט אַ בית־המקדש
און ווי טיטוס מיט'ן שווערט,
אים אויף טויזנט שטיק צעשמעטערט
גלייך געמאַכט אים מיט דער ערד.

דאַן געגאַנגען אויפ'ן קברות
ממזר עפּל פּייער רויט,
אָפּגעטשעפּעט פון דיביימער
און געשפּילט זיך מיט דעם טויט.
שפּעטער גוט זיך אָנגעגעסן
מיט קאַרטאָפל ניי געשמאַק,
און מיט זויערע מילך פאַרטרונקן
ווען די זון האָט הייס געבאַקט.

59

האָט געמאַכט זיך אַ לויה
איז געווען דאָס אונזער נס,
צו פאַר'גנב'ען זיך פון חדר
און מלוה זיין דעם מת.
און געהאָלפן דאָרט די מיטה
טראָגן מיט אַ שטילן גאַנג,
און געהערט די צדקה־פּושקעס
קלינגען מיט זייער טויטן־קלאַנג.

ביי דער קרקע זיך אַ שויפל
אָנגעגרייט, געלאָפן דאַן, —
טון אַ קוק אין טהרה־שטיבל
אויף דעם געלן בר־מינן.
מיט תכריכים, שאַרבנס, ריטלעך,
האָבן מיר געשפּילט, געלאַכט,
און דערנאָך די גוטע כוסה
מיט די חברה־לייט געמאַכט...

כ׳האָב צעקאַפּנס אויף דעם ברעט זיך
פון מיין טאַטנס בעט געשטעלט,
און פון דאָרט אַראָפּגעזונגען
ווי אַ פייגעלע צעהעלט.
ס׳האָט דער טאַטע זיך דערהויבן
און מחיה׳דיק געפילט, —
ווען דאָס קול מיינס אויסגעטרילערט
האָט האזינו און געשפּילט.

ס׳וואַקסט אַ קענער, אַ מנגן
האָט דער טאַטע זיך געטראַכט,
און צופרידן צו דער מאַמען
שטיל באַגליקט אַהינגעלאַכט.
און זיין האַרץ פון תענוג־רוחני
אויפגעקוואָלן האָט אין אים,
די און יענע וועלט פאַרבאָרגן
האָט דערפילט ער אין מיין שטים...
— — — — — — —

שוין האָט זיך דער זומער געזעגנט
פון פעלד און פון וואַלד מיט פאַרדרוס,
„ויאמר ה׳ אל משה — —
הן קרבו ימיך למות“...
אין חדר האָט מען אויך געלערנט
דאָס חומש שוין ס׳לעצטע פון לאַנג,
האזינו — פאַרעצבותט געטרילערט
האָט זיס מיט אַ טרויריק געזאַנג.

גלייך איבערן נעסט ווי אַן אָדלער
עס פליגלט אַרום פאַרן גראַט, —
און טראָגט אויף די פליגלען די קינדער,
אַזוי טוט באַהיטן אונדז גאָט.

און ס'האָט שוין אויך משה פאַרקליבן
געהאַט מיט אַ טרויעריקן בליק, —
צו לאָזן אין וועג זיך אין וויטן,
פון וועלכן מען קומט מער ניט צ'ריק...

אַרויס זיס פון שטיבלעך געגאָסן
עס האָט זיך אין האַרבסטיקן שיין, —
אדם יסודו מעפר, — —
וסופו לעפר מיט פיין.
עס האָבן די רויזן די לעצטע
צעבלעטערט זיך טיף און פאַרוויאַנט, —
די פייגעלעך האָבן פאַרקליבן
זיך פליען אין וואַרימען לאַנד...

61

ס'איז געווען אַ רעש אין קראָקע,
אויפגעלעבט האָט גרויס און קליין,
ווען אַמאָל אַ ספר־תורה
מ'האָט געשענקט אין שול אַריין.
ביי דעם גליקלעכן מנדב
האָט מען זיך געפּאָרעט שטאַרק,
קוישן עופות, קאַרפּן, בראָנפן,
וויין, מען האָט געבראַכט פון מאַרק.

פון בית־מדרש לאַנגע טישן
מ'האָט מיט טישטיכער און בענק,
צוגעשלעפט, אַרויסגעטראָגן
פון דער ווינונג בעטן, שענק.
ס'האָט די סעודה פרי באַגינען
און געענדיקט זיך אין חצות,
ווער געוואָלט אַריינגעשריבן
מיט זיין אייגענער האַנט אַן אות — —

האָט אין בייעם ספר־תורה
וואָס דער סופר האָט געברענגט,
און דערפאַר אַ קליינעם פדיון
אים בסתר מ'האָט געשענקט.

און אַן עולם איז געצויגן
אין די גאַסן טיף אין באַכט,
מיט שטורקאַצן און מיט מוזיק,
פייער־קינצן צוגעמאַכט.

אַן דעם עולם אָנגעשלאָסן
האָט אין גאַס זיך קינד און קייט,
און אַרומגעטאַנצט געזונגען
מיט דער תורה זיך געפרייט.
פאַר דער שול אַ מענטשנמאַסע
האָט געוואַרט נאָך אַן אַ גבול,
ביז מען האָט געבראַכט צו טראָגן
ס׳ספר תורה אין דער שול.

62

אין די קאַלטע ווינטער־אָוונטס
ביי דעם אויוון איינגעביקט,
איז די באָבעניו מיט שפּיזלעך
שטיל געזעסן און געשטריקט.
רויטע זאָקן און געציטערט
האָט איר ליבע טייערע האַנט,
און געוויגט זיך מיט די זאָקן
האָט איר שאָטן אויף דער וואַנט.

מיר אַ חברה קליינע קינדער
האָבן ביי אַ טיש מיט פרייד,
זיך געשפּילט אין „אמבע־טארנע“
און געוואַרט די גאַנצע צייט — —
אַז די טארנע זאָל שוין קומען
און דערוויל געשמאַק געפּיקט
ברויט מיט פאָווידלע אַ תענוג
ווען די באָבע האָט געשטריקט.

63

פלעגט אַ חתונה אין שטעטל
זיך צו מאַכן, האָט ס׳געקאָכטס
ווייט פאַרשמעקט מיט לעקעך בראָנפן,
פיש מיט בולקעס איינגעמאַכטס.

בדחן טרויריק האָט באַזונגען
שטיל די כלה האָט געוויינט,
און די פּאַרביקע הבדלות
האָבן ליכטיק אויפגעשיינט.

נאָך די צעפּ אַרונטערשניידן
האָט אַ טעלערל געקנאַקט,
און די מוזיק האָט אַ פריילעכס
און אַ לוסטיקס אויפגעהאַקט.
מ׳האָט געגעסן און געטרונקען,
און געפרייט זיך אָן אַ גבול,
און דערווייל די חתן כלה
אָפּגעפירט געהיים און שטיל.

ס׳האָט דער באַס געברומט, געשמעטערט —
האָט די בייכיקע טרומפייט,
און די טאַצן צו געדזימבערט
נאָר געיאָמערט האָט די פלייט.
און געכוסעט די מחותנים
האָבן מיט געזאַנג און וויין,
און געכאַפּט אַ פריילעך טענצל
ביז אין העלן טאָג אַריין.

64

ס׳איז געווען ביי אונז אַ סאַרווער
נאָך אַ ייד פון אַלטן שטאַם,
און געהאַט האָט ס׳קליינע יידל
מלא חן און מלא טעם.
יעדן פרי זיין קול געקלונגען
האָט בנעימות׳דיק און זיס, —
און געוועזן ליב במשר
יעדע חתונה און ברית.

ערב שבת בין השמשות
פלעגט ער מיט זיין האַמער גיין,
דריי מאָל פרום געקלאַפּט מיט גלויבן
אין דער טיר פון שול אַריין.

האָבן באַלד זיך די געוועלבלעך
איינס ווי ס׳צוויטע צוגעקלאַפּט,
און עס האָבן זיך די יידן
אין דער שול אַריינגעכאַפּט.

היינט ערשט צו ימי נוראים
איז מיט אים אַ נס געשען,
און עס איז דאָס קליינע יידל
פּשוט ס׳זעלבע ניט געווען.
יידלעך הייליק כּשרע יידלעך,
וועקט אייך פונעם האַרטן שלאָף, —
פּעדערט, פּעדערט אייך צו סליחות,
יידלעך שטייט צו סליחות אויף!

אָט אַזוי דאָס קול דאָס זיסע
מיט קדושה גלויבן פול, —
האָט די הערצער אויפגעשוידערט
און גערופן אין דער שול.
ביז עס זענען אויפגעשטאַנען
יינג און אַלט און קליין און גרויס,
און געגאַנגען טוען תשובה
און פאַרפולט פון גאָט דאָס הויז.

65

אויף דער „טאמדייט“ מיט אַ שראַגן
ווי אַ גרינער שימל־שוואַם,
איז געשטאַנען פאַר אַ וואָגן
שעיה מיט זיין מאָדנער קראָם:
אַלטע שליסל, קליאַמקעס, שלעסער,
זאַוויאַסעס פאַראָסטע גרוי,
נעגל, פּאָדקאָוועס און מעסער,
קייטלעך בראָכוואַרג סתם אַזוי.

און פון דעם משונה קרעמל
מיט אַ פּנים אויפגעיערט,
ווי אַן אויפגעווייקטע זעמל
שעיה האָט געלעבט אין דר׳ערט.
נאָך געפּאַלמעסט אַן עקרה
זיך אַ ווייבל ווי אַ פייג,
אַ פאַרטריקנט בייזע צרה
און אַ קאַלטע זויער טייג.

אין זיי׳ר שטיבל נור יללות,
דחקות האָט געהערשט מיט בויט,
און געזעטיקט זיך מיט קללות —
האָט מען תמיד אָנשטאָט ברויט.
ווען די ס׳גיהס פלעגן קומען
פונעם דאָרף צום מאַרעק טאָג,
האָבן זיי ביי אים גענומען
אָפגעקויפט אַן אַלטן טשוואָק.

66

ס׳איז געווען ביי אונז אַ רופא
אויך אַ ייד פון אַלטן שניט,
מיט אַ טייערן הדרת פנים
און אַ ליכטיקן געמיט.
ר׳איז געווען אַ תלמיד חכם,
גוטס צו טוען נור געגלוסט,
און צו אָרימע חולאים
איז געגאַנגען ער אומזיסט.

די רפואות אין די שטיבער
זיי געבראַכט, און ווען געפעלט
ס׳האָט אויף עסן, האָט בשתיקה
ער אין האַנט געשטעקט נאָך געלט.
יעדן חולה מיט בטחון
האָט זיין ליבער קול געגלעט,
און אַ יידיש אַ באַ׳טעם׳טן
האָרצעדיק צו אים גערעדט.

קיינעמען ניט אויפגעגעבן
אין דער שרעקלעכסטער געפאַר,
נאָר געהאָלפן מיט אמונה
און רפואות אים פון צער.
כ׳גיב אייך „כינע״,— גאָט זאָל חסדא
געבן יעדען חולה׳ס הויז,
פלעגט ער זאָגן מיט אַ שמייכל
ווען ר׳איז פון אַ שטוב אַרויס.

יאָרן לאַנג פאַרקלאַפּט געשטאַנען
איז די שטאָט אין מזרח זייט, —
אין דער „אַלטער שול“ אָן אימה
האָט פון איר אַרויסגעווייט — —
פול מיט יראה און קדושה
הייליק שטום צעניפּגעוועבט,
פונעם גרויסן רב פון קראָקע
וואָס האָט מער שוין ניט געלעבט.

נאָך אַ נייען רב די עדה
איינמאָל האָט זיך טיף פאַרבענקט,
האָט מען גאונים און צדיקים
באַלד פון איבעראַל געברענגט.
האָט אין שטאָט אַרומגעטראָגן
זיך און מ׳האָט גערעדט בסוד, —
אַ מתנגד און אַ משכיל
זיין עס וועט דער רב פון בראָד.

האָט אַ כוואַליע זיך פון חסידים
אויפגעהויבן שטורמיש באַלד,
און פאַרמיאוסט זיין הדרת פנים
מיט זיין ליכטיקן געשטאַלט.
און בעת מען האָט אַ שבת
אים געפירט אין שול אַריין,
צו אַ דרשה האָט דער עולם
זיך פאַרזאַמעלט גרויס און קליין.

שניידער, שוסטער, בעלי־מלאכות,
דאָרפאַשנע יידן סתם,
זיך געטראָפן מיט חסידים
האָבן אויפגערייצט צעזאַם.
פון „רב אורנס בית המדרש“
בעזעמס, שמאַטעס, טיש און בענק,
אויפ׳ן רב אַראָפּגעפלויגן
זענען מיט אַ שפּאָט געזאַנג.

און אַ ביטערע מלחמה
האָט זיך בלוטיק באַלד פאַרקאָכט,
מ׳האָט פאַר פאות בערט געריסן
זיך, מיט שטענדערס ווילד געפאָכט.
ביז צעלאָזט די בעלי־מלאכות
האָבן בייז זיך אומבאַגרענצט,
אויסגעפּאַטשט די קאָטשעלאַפּעס,
די פאַרבאַרטע חסידים שווענץ.

68

אַמאָל אין אַ שבת אַראָפּ איז געקומען
אַ חסידישער רבי אַ צדיק אַ ג׳וואַלט,
געוואָרן עס איז פון זיין לויטערער מראה
דאָס גאַנצע ר׳ אורנס בית המדרש צעשטראַלט.
די אָרימע חסידים ווי פליגלען פון פייער
עס וואָלט זיי אַ געטלעכע האַנט אָנגעוועבט,
דאָרט האָבן פון יראה קדושה און דבקות
אַרום ווי מלאכים שרפים געשוועבט.

ווען שלום עליכם, מלאכי השרת,
רבון כל העולמים פון הייליקנס מויל, —
עס האָט זיך צעגאָסן, איז דורך דורך די חסידימס
נשמה אַ פחד, אַ טיפער אַ גרויל.
און כל מיני חולה וכל מיני מדוה,
וכל מיני דלות בעת ס׳האָט געזאָגט, —
דער הייליקער צדיק, האַן האָבן די הימלען
מלאכים און חסידים זיך ביטער צעקלאָגט.

היינט ערשט צו קידוש ווען אויף ס׳האָט געהויבן
דער הייליקער צדיק זיין בעכער אין האַנט,
האָט זיך צעשימערט זיין ליכטיקער גלויבן
אַזוי ווי אַ פינקלדיק גרויסער בריליאַנט.
די חסידים זיי זענען געשטאַנען נתפעל
געציטערט געבויגן זיך טיף מיט זיין קול, —
מימינו מיכאל, משמאלו גבריאל
ועל ראשו הקדוש שכינת האל...

69

יעדן שבת פלעגט צו קומען
אַנטעק האָפּערדיק און פריש,
צו די יידן הייצן אויוונס,
רוימען לייכטער פון דעם טיש.
אָנגעטאָן דעם גרויסן הענגער
אויפ׳ן ריקן מיט די שטריק,
האָבן זיך די פולע קאַנען
באַלד געוויגט אַהין און צוריק.

מיטגעבראַכט אַ גרויסן כלב
וואָס אויף פליגן האָט געצילט,
און ווען ר׳האָט זיי ניט געפאַנגען
האָט ער זיך מיט כעס צעבילט.
ווען מען האָט אים געגדזענס־קנאַכן
צוגעוואָרפן אויף דער ערד,
איז זיין הינטישע נשמה
באַלד געוואָרן איבערקערט.

נאָך דער אַרבעט אַנטעקס אויגן
האָבן פריילעך אויפגעגליט,
און ער האָט גערעדט אויף יידיש:
„יידן חלה, בראָנפן גיט״.
ווען ער האָט געמאַכט די כוסה
האָט עס אים געשמעקט אַזוי, —
אַז פאַרביסן מיט אַ מוציא
חלה האָט דער גוטער גוי.

70

חיימל אַ שטילער יתום
אָן אַ פאַרקן אָנגעשפּאַרט,
פאַר דער „כפה־שול״ געשטאַנען
תמיד איז פאַרגאַפּט פאַרנאַרט.
די ימי־נוראים־שטיקלעך
לייזערקעס באַהאַרצט פאַרליבט,
מעלאַנכאָליש נאָכגעזונגען
מיט אַ קול אַ צאַרטס באַטריבט.

און איז ווער פֿאַרביי געגאַנגען
אויסגעשריען חיימל אַנט, —
פּייער, האָט ער גלייך געענטפֿערט
הויבנדיק זיין דאַרע האַנט,
מיט געשווינדקייט און געלאַזן
זיך אַ ליאַפּ אין באַק אַריין,
וואָס אין גאַס האָט אָפּגעהילעכט
האַלב מיט חוזק און געוויין.

71

לייזער האָט געהאַט אַ בולע
אויפ׳ן שטערן ווי אַ נול,
האָט מען טאַקע אים גערופֿן
לייזעריטשקע מיט׳ן בול.
אין קאַפּאָטע און צעלינדער
האָט ער תמיד זיך געקליידט,
מיט די הענט אויף הינטערווייַלעכטס
אָפּטמאָל זיך אַרומגעדרייט.

און די פּאָלעס פֿון קאַפּאָטע
מאָדנע פֿעסט אין זיינע הענט, —
אַזוי הויך אַרויפֿגעהויבן
פּשוט ביזקל צו זיין לענדט.
און אַרומגעשפּרייזט פֿאַרשוויגן
שעה׳ן לאַנג אין מויל די באָרט, —
דאַמאָלט קיינער האָט ניט טשעפּן
דעם משוגענעם געטאָרט.

האָט מען אים ווען נאָכגעשריען
לייזער בולע, האָט ער גיך
זיך געלאָזט אַ ווילדער לויפֿן
מיט די אויסגעקרימטע שיך.
און אַריין אין שול אין אַלטער
ביז פֿון דאָרט אַרויסגעכאַפּט, —
שטענדערס, ווען מען ר׳האָט געטראָפֿן
האָט ער מיטן גאַס צעקלאַפּט.

72

פוידיש רויט געזונטע באַקן,
און אַ קאָפּ מיט בלאָנדע האָר,
שטאַרקע הענט ווי אייזנצוואַנגען
איז געווען אונזער גר.
זייט־זשע מוחל ר׳ אברהם,
מיט דרך ארץ און געבעט,
האָט מען תמיד צו דעם שטאַרקן
נייען בלאָנדן ייד גערעדט.

זיך גע׳סוד׳לט וויפל וויטאָג
האָט דעם ערל דאָס געקאָסט, —
ניט געקוקט אויף אַלע סכנות
און זיך מלה זיין געלאָזט.
ווען געווען איז ער עולה
צו דעם ספר האָט ער זער
שטאַרק פאַרגלייזט די בלויע אויגן
אַז דערקענט מ׳האָט ר׳איז אַ גר...

מיט אַ שאַרפן ריש די ברכה
האָט ער הויך אַרויסגעבראַכט,
אַז ניט ווילנדיק בשתיקה
האָט מען אָפּטמאָל זיך צעלאַכט.
אָבער זיין, — זיין שכר וועט אייביק
רעדן האָט מען אָפט געהערט,
ווייל דער גאַנצער עולם הבא
שויִן פון לאַנג צו אים געהערט...

73

פייזל איז געווען אַ בעקער
יינגל מיט אַ קליינעם מום,
שיין און שטאַרק נאָר ס׳איז אַ פוס אים
פונעם שטייך געווען קרום.
ליב געהאַט צו זען האָט פּערל
פייוולען ווען אַריינגעשיבט, —
ר׳האָט די ברויטן אינעם אויוון
און געלאַכט צו אים פאַרליבט.

מיט די פלאַמענדיקע אויגן
האָט זי זיינע מוסקל־הענט,
און די פעסט געזונטע אַקסלען
אויפגעגעסן שיר פאַרלענדט.
און דאָס קימלברויט פון אויוון
האָט דערווייל געשמעקט אַרויס,
און אַ לייבל, נאָך אַ לייבל,
ברויט געבאַקן האָט זיך אויס.

יעדן פרייטאָג פלעגט ער טראָגן
ווי אַ ווירע אויפ׳ן קאָפּ,
פול אַ בלעך מיט שיינע חלות,
ניט געלאָזן זי אַראָפּ.
צוגעפיפן זיך אַ לידל,
אַ באַ׳טעם׳ט פאַרליבט געזאַנג,
פונעם יידישן טעאַטער
בעת ער האָט געמאַכט זיין גאַנג.

האָט ער פערעלען באַגעגנט
צ׳ריקוועגס, האָט ער ניט געשעמט
זיך צו כאַפּן אויפ׳ן גאַס זי
אין די צוואַנגען הענט פאַרקלעמט.
איינמאָל פערעלע פאַרגעסן
האָט זיך טיף אין פייוולס שויס, —
איז דערנאָך ביי איר געוואַקסן
ווי פון הייוון ס׳בייכל אויס...
— — — — — —

מיט אַ יעדער טויב איז זעכער
גווינעם גוט באַקאַנט געווען,
קריכן בורוועס אויף די דעכער
האָט מען תמיד אים געזען.
זענען שטורמען אויסגעבראָכן
מיטגעריסן סאַק און פּאַק,
איז ער באַלד אַרויפגעקראָכן
און פאַרקלאַפּט זיין טויבנשלאַק.

אָפּט אַרויסגעשיקט צום פליען
מיט אַ ממזרישן טריק;
זיינע שענסטע בעסטע „זיען"
קומען זאָלן „פאַרלעך" צ׳ריק.

פלעגט זיך מאַכן אַז אַ שכן
האָט אַ טויב אים צוגעגראַטשט,
האָט די ביינער ער צעבראָכן
אים און האַרציק אויסגעפּאַטשט.

וואָס אים האָט ניט אַלץ געטראָפן
איז ער תּמיד ווי אַ העלד,
יעדן מאָרגן פרי געלאָפן
און קיין דאַווענען פאַרפעלט.
האָט געמוזט ער קדיש זאָגן
ווי אַ זעלנער האָט ער גלייך, —
זיינע פּיס צעזאַמגעשלאָגן
און געוואָרן טויט און בלייך.
— — — — — —

74

קיוועלע ניט הויך געשטאַלטיק
נאָר מיט פּלייצעס ווי אַ שטאָל,
איז געווען אַ פיינער קראַדניק
פלינק געאַרבעט אַלעמאָל.
אין אַ קורצן פוטער־רעקל
האָט ער אָפּט אַרומגעשוויצט,
און פון פוס אַראָפּ זיין שטיוול
ווי אַ שפּיגל האָט געבליצט.

איז ער נור אין גאַס געקומען
האָט שוין יעדן וואָס געפעלט;
דעם אַ זייגערל, אַ קייטל,
יענעם ס'בייטעלע מיט געלט —
אָדער גאָר אַ שטיקל סחורה
וואָס ער האָט פאַרקויפט אומזיסט;
ווייל געהאַט פאַר אים האָט מורא
פּשוט יעדער פּאָליציסט.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען
מיט אַ קיצלדיקן וואָרט, —
האָבן מיידלעך שיר די נכפה
איינגענומען אויפ'ן אָרט.

וועמען ר׳האָט געכאַפּט אומאַרעמט
איבערבראָכן שיר אַ ריפּ, —
וועמען אויף דעם זייטס מיר מוחל
ר׳האָט דערלאַנגט אַ פייער קניפּ.
— — — — — —

75

פּאָר אַ גרויסן סקלאַד מיט קוילן
מיט צוויי הענט ווי קלעצער רוי,
און אַ קויבער אויף די פּלייצעס
איז געשטאַנען אלי גוי.
און גע׳חלש׳ט פּאָר אַ גראָשן
נכנע׳דיק אַרויסגעקוקט,
אויף אַ קונה און געריסן
שטיקער פון אַ ברויט געפּליקט.

איז אַ קונה צוגעקומען
אויפגעהויבן ר׳האָט די הענט,
און אַ שפּאַר געטאָן די אַקסלען
ווי צוויי ריזיק שטאַרקע ווענט.
היינט ערשט אין דער היים אַ גאַנצער
יחסן אלי איז געוועזן,
יעדער האָט פּאַר אים געציטערט
ווער עס האָט אים נור געזען.

איז ער ווען פּאַר כעס געפאַלן
אויף זיין מאָגער קראַנקע ווייב,
האָט ער שיר אַרויסגעשלאָגן
איר די קישקעס פונעם לייב.
באַלד דערנאָך די היים פּאַרלאָזן
ערגעץ ווו אַוועק געשנעל,
טעג און נעכט דאָרט אָפּגעלעגן
מיט אַ קורווע אין באָרדעל.

אָפּט מיט לאַנגער באָרד און פּאות
דאָרט אַהין אַריינגעבראַכט, —
האָט אַ בלאָסן ייד דער טייוול
ציטערדיק אין חצות פון נאַכט.

און דערנאכטן האָט דער צדיק
אויסגערעדט פון אליס זינד:
אַז ער האָט געהאַט בשתיקה
מיט זיין טאָכטער נאָך אַ קינד...

76

שטשעפּאַן איז געווען אַ מוירער
וואָס ער האָט געלעבט אין נויט,
און אַ יעדן טאָג געאַרבעט
פון דער פרי ביז נאַכט צום טויט.
אַ געשטעל מיט שווערע ציגל
אויף די פּלייצעס אָנגעהויפט,
האָט געשלעפּט אויף רישטאָוואַניעס
ער און טיף דערביי געשנויפט.

אָונט ווען אַהיים געקומען
איז פאַרקאָלעכט ער און מאַט,
האָט אים גלייך די שטשעפּאַנאָווע
אַלץ דערלאַנגט וואָס ז'האָט געהאַט.
נאָכן עסן פלעגט ער טראָגן
מיך אַרום אָפט אין דער גאַס,
אויף די הענט און מיר צו קויפן
קיכאַלעך מיט עפּל־קוואַס.

ווייל געוועזן אַן עקרה
איז זיין ווייב דערשלאָגן, טריב,
פלעגט צו האָבן חיות עופות
ער דערפאַר מיט קינדער ליב.
מיט אַ קעצל אויפ'ן רוקן
יעדן שבת־אָונט מילד,
האָט דער מאָגער קליינער שטשעפּאַן
אויף האַרמאָניקע געשפּילט.

אָבער זונטאָג דאָס פאַרדינטע
וואָס ער האָט אַהיימגעברענגט,
האָט ביים יידן ער פאַר בראָנפן
באַלד געלאָזן אין דער שענק.

און אַהיימגעקומען שכור
שטשעפאַנאָווע האָט געקלאָגט,
ווייל ער האָט צעהאַקט די לעצטע
טעפלעך איר וואָס ז׳האָט פאַרמאָגט.

און געגעבן מכות מרדות
אַנשטאָט ברויט איר צו דער זעט,
פאַר דער וואָך וואָס ז׳האָט געוואַשן
ביי די זשידעס ברידקע גרעט.
און זיין אויסגעצוימטער גופל
וואָס איז געל געווען ווי בראַנדז,
האָט באַנומען אַלע קללות
אין דער תיפלה פונעם קשאַנדז.

און זיין רשעות צו די יידן
האָט ער אויסגעלאָזט מיט כעס,
און געשווירן ר׳וועט זיי שחטן
מיט אַ חלף אין דער גאַס.
ווייל זיי האָבן צוגענאַגלט
יעזוס קריסטוס פיס און הענט,
צו אַ צלם און באַזידלט
ס׳קרוציפיקס און סאַקראַמענט.

און ער איז אַרומגעלאָפן
אויפ׳ן גאַס משונה ווילד,
ווי אַ הונט אַ שטשעקלע בייזער
יעדן יידן נאָכגעבילט.
דאַמאָלט האָט ער פאַר דעם גאַרגל
מיך מיט צאָרן אָנגעכאַפט,
„נאַשטשי יוכאַ, דראַין פאַרשיווי״
און די ביינער מיר צעקלאַפט.

77

אַ מאָגער אויסגעדאַרטע,
אין אַ שטיבל קליין,
געוואַקסן אויס איז ס׳צאַרטע
רייזעלע מיט פיין.

געוועזן אַ קראַנקער בלעכער
איר אַלטער פֿאָטער איז,
פֿאַראָכטן שטיל די דעכער
מיט ווייעדיקע פֿיס.

ער פֿלעגט זיך ערלעך פֿירן
און אַרבעטן אַ סך,
מיט סמאָלע צו באַשמירן
די פֿאַפּע פֿונעם דאַך.
ניטן און צו צינען,
די רינוועס זומער צייט,
ס׳זאָל פֿון זיי ניט רינען
ווען דער רעגן גייט.

רייזעלעס אַ ברודער
אַ געלר אַ סקעלעט,
אויף אַ פֿידל לידער
האָט געשפּילט אין בעט.
מיט אַ ליד אַ נייעם
זיין עס פֿלעגט אים גוט,
ווייל ער האָט דאָס שפּייען
ניט געפֿילט פֿון בלוט...

דאָס אָרמע הויז באַזאָרגן
דאָרט פֿלעגט די אַלטע מויד,
איר שוועסטער, און פֿאַרבאָרגן
באַווייגט איר מוטערס טויט.
אירע ליפּן בלויע
פֿאַרוועלקט געווען פֿון פּיין —
זענען מיט די גרויע
צעפּ און ס׳מויל אָן ציין.

רייזעלע די זיסע
פֿלעגט זיך יעדן טאָג,
שפּילן בחברותא
מיט מיר אין געסל ראָג.
כ׳האָב איר אַלץ געגעבן
וואָס זי האָט געוואָלט,
ווייל איך האָב ווי ס׳לעבן
ליב געהאַט זי האָלד.

איינמאָל איז אַנטקומען
רייזעלע פון גאַס,
אַ קברן געגומען
האָט זי אַ בעל כעס.
אין אַ קעסטל קליינעם
בייז און גיך פאַרקלאַפּט, —
אָט אַזוי געוואָרן
איז דאָס קינד פאַרכאַפּט...

און אַרויסגעטראָגן
אויפ׳ן פעלד דאָרט ווייט,
לאַנג געהערט נור קלאָגן
כ׳האָב די אַלטע מויד:
פויגל ליכטיק שיינער,
ווער ווייס ווי ווי מיר איז?
ווי דו וועסט מער ניט קיינער
שויך זינגען אַזוי זיס.

האָסט מיר אויסגעריסן
פונעם האַרץ אַ שטיק,
מיט דיין טרילער זיסן
פויגל קום צוריק.
מאַך מיט דיינע לידער
אַזוי האַרציק ריין,
מיר מיין לעבן ווידער
פול מיט זונענשיין.

78

אויף אַ ווייטן וועג דער פעטער
קלמן האָט זיך ניט געקאַרגט,
ווי אַ סאָסנע אַ געזונטע
איז געווען ער גרויס און שטאַרק.
פיינט געהאַט אַ סך צו רעדן
האָט ער און צו קלערן לאַנג;
ווי אויף זיבנמיילנשטיוול
איז געווען זיין יעדער גאַנג.

לענדער שטעט און קיניגרייכן,
אויסגעוועז די וועלט ביז גאַר,
און אַמאָל אַ מתנת חנם
אויך געכאַפּט אַ גוטן שנאַר.
און געהאַט ביי זיך פון „ברוינשווייג
לאָזן״, וואָס מ׳האָט ניט געטאָרט, —
זיך געהיטן אימת־מות
פאַר אַ יעדן ריר און וואָרט.

ווייל שוין איינמאָל ניט קיין בטלן
פעטער קלמן איז געווען,
וואָס עס האָבן זיינע אויגן
פאַר אַ מענטשן אַלץ געזען.
איינמאָל איז אין ווין געגאַנגען
ער און פלוצים שטיל דערשפּירט,
אַז מען גייט אים נאָך פון הינטן
און ער ווערט פאַרפאָלגט שפּיאָנירט.

זיינע זיבנמיילנשטיוול
האָט ער אויפגעהויבן גרויס,
און געטאָן אַ שפּרייז אַ וויטן
און אַריין באַלד אין אַ הויז.
פריילייִנס צוויי געבעטן רחמים
און געשווינד צענויפגעראָלט, —
אַלע „לאָזן״ און געיאָמערט
פאַר די פריילייִנס שיין ווי גאָלד.

און מאַריאַנע, מיט זוזאַנקען
האָבן טאַקע אויפ׳ן אָרט,
זיי אין בוזעם גלייך באַהאַלטן
אויפ׳ן ווונק און אָן אַ וואָרט.
באַלד איז צו אַ מאַן צום פעטער,
אים פון קאָפּ ביז פוס באַזוכט,
און דער פעטער האָט געשמייכלט:
„מיינע האַרן האָבע ניכט״.

און מאַריאַנקע מיט זוזאַנקען
זענען באַלד דערנאָך צוריק,
צו דעם פעטער צוגעקומען
מיט אַ ממזערישן בליק.

אים די „לאַזן‟ צ׳ריקגעגעבן,
„יעצט וואָס זאָגט מאַן ? דאַנקע שען‟ ;
אוי איז דאָס דיר אַ מאַריאַנקע
און זוזאַנקעלע געווען !

79

אַ געשוועסטערקינד געקומען
איז אַמאָל צו אונדז פון ווין,
וואָס ער איז געווען דער קדיש
פון מיין באָבעס עלצטן זין.
ער געהאַנדלט מיט בריליאַנטן
האָט און פערל, דימענט, גאָלד, —
אָבער מער פון גאַנצן מסחר
ר׳האָט געהאַט מיין שוועסטער האָלט.

האָט אַ בראָש געבראַכט דער מאַמען
ער, מיין שוועסטער אַ בריליאַנט, —
מיר, אַ זייגער מיט אַ קייטל,
און אַ גאָלד׳נעם אָרימבאַנד :
האָט געשענקט ער צו דער באָבען
וואָס זי האָט מיט אים פאַרקניפט — —
די געפילן צו איר עלצטן
זון וואָס ז׳האָט אַזוי געליבט...

ס׳האָט די באָבען דורך מיין שוועסטער
אָפּגעקאָסט אַ האַלב געזינט, —
ביז געוואָרן זי אַ כלה
איז פאַר מיין געשוועסטערקינד.
ר׳איז פון אונדז אַוועק מיט שמחה
זיך געזעגנט טיף באַגליקט,
באַלד דערנאָך אויפס־ניי מתנות
אַלעמען פון ווין געשיקט.

איז געווען אַ גרויסער יום טוב
דאָרט ביי אונדז אין קליינעם הויז,
ס׳האָט געזשוואַבלט און געגראַבלט,
פול מיט תענוג קליין און גרויס.

האָט מען באַלד אַ זייד־קאַפּאָטע
פאַר דעם טאַטן אויפגעניית,
אויך די מאַמע האָט געלאָזן
מאַכן זיך אַ סאַמעט קלייד.

היינט מיין שוועסטער ערשט אַ מאַנטל,
מיט אַ הוט און שיך פון לאַק,
מיר, אַ שפּענצערל אַ רויטן,
אַ כעלאַטל פול געשמאַק.
האָב איך גאַס איך ווי אַ נגיד
זיך צעלאָזט מיט חוצפה פיל,
איז מען אונדז געווען מקנא
אָנגעהויבן נבלן שטיל:

אין די שטיבער, אין די הייזער,
האָט געטראָגן זיך דער סוד; —
ביז ער האָט אַריינגעדרייט זיך
אין בית־מדרש ווי אַ ראָד.
ס'האָבן אויגן זיך געוווּנקן
און מיט אויער געשושקעט צונג, —
יעדעס וואָרט אין האַרץ פון טאַטן
האָט געשניטן ווי אַ קלונג.

איינמאָל איז מען אויפ'ן טאַטן
אין בית־מדרש ווילד אַרויס, —
אַז מען וועט די ספרים זיינע
פּסלען מיט אַ יעדן אות...
אַז אַן אײדעם פאַר זיין טאָכטער
וועט ער נעמען אַזאַ מין, —
גוי, וואָס ביז אַצינד געזעסן
מיט אַ שיקסע איז אין ווין...

באַלד דערנאָך דעם שמוק מיט וואַטע
אין אַ שאַכטל מ'האָט פאַרפּאַקט,
אָפּגעשיקט קיין ווין פאַרזיגלט
מיט אַ רויטן זיגללאַק.
נאָר אַ לאַנגע צייט די באָבע
האָט געפילט זיך זער ניט גוט,
און זי איז אין בעט געלעגן
און פאַר צער געשפּיגן בלוט...

און צייט דאַמאָלט שוין שדוכים
האָט מען גאָרניט אויפגעהערט,
רעדן צו מיין שיינער שוועסטער
וואָס איר איז געווען באַשערט — —
אָנצוקוקן פיל חתנים
נאָר ניט דעם וואָס ז׳האָט געוואָלט;
און בסוד פון אים געחלומט
ליב געהאַט אין האַרץ און האָלט.

ווייל זי האָט מיט אים אַ ליבע
שוין פון לאַנג פאַרפירט גאָר שטיל,
צוגעדישעט, ניט דערלאָזן,
ווידער ווערן וואַך ס׳געפיל.
וואָס זי האָט ביי נאַכט געפייניקט
און ביי איר דעם שלאָף געררויבט, —
דאָך ניט אויפגעהערט צו האָפן
האָט זי טיף אין האַרץ געגלויבט. —

אַז עס ליבט זי אויך דאָס יינגל,
נאָר אַ חברתה פאַרשטעלט;
האָט מיט ערמה און פאַרשאָטנט
איר, און זיך אַליין די וועלט...
ווייל ער האָט זי ניט גענומען
זיך פוןביידע אָפגעווענדט, —
נאָר ס׳וואָלט סיי־ווי־סיי דער טאַטע
ניט דערלאָזן אַ סטודענט, — —

דאָרט אַ פּראָסטן, ער זאָל נעמען
זיך אַזוי מיין שוועסטער סתם;
און באַפלעקן זיין משפּחה
מיט אַזאַ מין שווערן פגם...
האָט די ליפּן זי פאַרביסן
מיט די פערלדיקע ציין,
און פאַרשוויגן, ליב פאַרנומען —
אַלץ וואָס דאַרף מיט איר צו זיין...

ביז אויף איינמאָל אָנגעקומען
איז אַ סוחר פון דער וייט,
וואָס געוועזן איבערגעבן
ערלעך איז, צו גאָט און לייט.

עפּעס עלטער אין די יאָרן
ניט געשטאַלטיק שיין — נאָר פרום,
האָט מען אים אַוועקגעגעבן
אונדזער גאָלדן שענצטע בלום.

ס׳האָט געקרענקט זיך שטיל די באָבע,
נאָר ניט רעדן זיך דערוועגט,
ס׳איז געווען אַ שאָד דעם זיידן,
ווייל ז׳האָט אים געפּלעגט, געהעגט...
און די שוועסטער מיט דער מאַמען
האָבן אָפט פון שלאָפן לאַנג, —
זיך צערעדט — פאַרפירט ויכוחים,
און צעוויינט זיך מאָדנע באַנג.

ס׳איז אפילו טאַטע מאַמען
ניט געווען ניחא זער, —
אָבער ניט געוואָלט די מאַמע
האָט אַז ס׳זאָל מיין שוועסטער מער ;
ליידן דחקות, נויט און צרות,
זיין ווי זי פאַרשוואַרצט, געקוועלט, —
האָט מען זי אַוועקגעגעבן
צו אַ פרומען מאַן מיט געלט...

80

מ׳האָט געבראָטן גענדזלעך,
קאַרפּן אויסגעזאָטן,
און געבאַקן חלות,
קיכנס, לעקעך, פלאָדן.
צימעס, פלוימען, בירן,
אויסגעטיילט מ׳האָט פריילעך, —
אוגערקעלעך זוירע,
גאָר כיד המלך.

ס׳האָט דער בדחן, קלעזמער,
אויפגעמאַכט זיין סחורה, —
און געזאָגט דער רבה
מיטן רב האָט תורה.

ביי דעם מצוה־טענצל
מ׳האָט געטאַנצט אין איינעם, —
מיט ליקער און בראָנפן,
פלעשלעך ביר און וויינען.

81

דרויסן האָט אַ רעגן
גרוי און באַנג געשיט,
אַלעס איז געלעגן
האַרבסטיק טיף פאַרבליט.
איז מיין צאַרטע שוועסטער
די באַחנטע רויז,
פרי גאָר אויפגעשטאַנען
מיט דעם גאַנצן הויז.

אָנגעפאַנגען פאַקן
וואָס זי האָט פאַרמאָגט,
און עס האָט די מאַמע
באָר געוויינט, געקלאָגט.
ווען געווען פאַרפאַקט איז
שוין איר לעצטעס קלייד,
האָט זיך אויך דער טאַטע
טרויריק שטיל צעוויינט...

ס׳האָט דער מאַן גענומען
זי און איז אַוועק,
אונדז צוריקגעלאָזן
טיף אין באַנג און שרעק.
אָן מיין צאַרטער שוועסטער
די באַחנטע רויז, —
איז דערנאָך געוואָרן
פוסט אין גאַנצן הויז...

82

פלעגן חברה מיך צו שלאָגן
די בגדים אָפּגעריסן,
האָב איך שטיל זיך אָפּגעטראָגן
און די ליפּן נור פאַרביסן.

זיך געטראַכט אין האַרצן שפּעטער
כ'וועל זיי שוין דערפאַר באַצאָלן —
ווען דערציילן עס מיין פעטער,
כ'וועל דעם שטאַרקן רב ישראל'ן.

כאָטש דער פעטער איז אַ ליבער
שטעטס געוועזן און געלאַסן,
איז מיט יענעם גוטן גיבור
אָפּט געוועזן ניט גוט צו שפּאַסן.
ווייל ווען ר'איז אין כעס געקומען
פלעגט ער קריצן מיט די ציינער,
און דעם שונא אָנגענומען
אים געקרייזלט זיינע ביינער.

לעבן פלעגט ער ס'רוב פון זאָרגן
קוים פאַרמאָגט אַליין אויף עסן,
גוטס צו טאָן געליבט פאַרבאָרגן
ניט קיין אָרימאַן פאַרגעסן.
פאַר אַ קראַנקן ס'האָט געטראָפן
די רפואות צו באַזאָרגן,
איז צו יעדן ער געלאָפן
זיך נדבות לייען באָרגן.

ביז ער האָט געבראַכט צו טראָגן
די רפואות צו דעם קראַנקן,
אַ בריליאַנטן האַרץ פאַרמאָגן
פלעגט ער זיך ניט לאָזן דאַנקן.
היינט ערשט אַז מען פלעגט צו קוועלן
שלאָגן ווען אַ ייד פאַרפיינען,
זיך זיין לעבן איינצושטעלן
פלעגט ער באַלד פאַר יעדן איינעם.

אָפּט אַרום אין וועלט געשלעפּט זיך
נע ונד און דאָרט געדאַרבן,
און צום גוטן סוף דערלעבט זיך
ניט אין אייגנעם בעט געשטאָרבן.
יעדן מאָרגן פרי באַשיידן
פלעגט ער אויפשטיין פרום צו שכמה,
אין דעם ליכטיקן גן עדן,
רוט זיין כשר'ע נשמה.

ווינטער האָט די גרינע וועגן
און די שטעגן לאַנג פאַרוויט,
אונדזער הייזל איז געלעגן
טיף פאַרשאָטן און פאַרשנייט.
ווען די באָבע האָט גענומען
לייגן זיך אין קראַנקן בעט, —
האָט זי ניט געדאַכט אַז קומען
שוין צו איר דער טויט עס וועט.

מיט די גרויסע קינדער־אויגן
ווי די הימלען ווייט צעבלויט,
האָט זי יעדן צוגעצויגן
רעדנדיק צו אים פאַרטרויט:
זאָג דעם זיידן ניט חלילה
אויס אַז ס׳טוט מיר עפּעס וויי, —
חס ושלום ווען אפילו...
אויסגערעדט צום גוטן ס׳זיי.

און די אייניקלעך עס האָבן
ערנדיק דערשראָקן זיך,
פאַר די ווערטער פון דער באָבען
וואָס גערעדט האָט ציטריק גיך.
קרעכצנדיק האָט אָנגענומען
זי אַ גלעזעל מיט די הענט,
און געקילט דעם ווייען גומען
וואָס ווי פייער האָט געברענט.

אירע באַקן שמאָל און איידל,
פון דער אַלטקייט טיף צעגאַרבט,
האָבן ווי אַ כלה מיידל
פונעם פיבער זיך געפאַרבט.
אויגן בלויע, טרוקנע ליפּן,
ס׳שוואַכע קול באַך האַרציק זיס,
נאָר עס שטעכן זי די ריפּן
שוין און ס׳פרירן איר די פיס.

פון דער ווייטן איר אַקייגן
זעט זי ליכטיק ווי עס קומט, —
אָן איר מוטער אויס דעם שווייגן
און זי הערט איר קול ווי ס׳ברומט:
כ׳וועל דיך קינד אומאַרמען גלעטן
ביזט דאָך אַזוי מיד און בלייך,
דיין געלעגער דיר אויסבעטן
ביי דיין מאַמען אין דער הייך...

פון ישראל׳ן און הערש־לייב׳ן,
רעדט זי טרויריק מיט געוויין,
אוי, ווער ווייס ווי זיי דאָרט לעבן,
ערגעץ אין דער פרעמד אַליין?
צי זיי האָבן נור צו עסן
מיינע טיירע צו דער זעט?
צי אָן גאָט נור ניט פאַרגעסן,
צי זיי האָבן כאָטש אַ בעט, — —

וו אַהין דעם קאָפּ צו לייגן
ווען עס ברעכן זיי די פיס,
אוי, ווער קומט אין נויט אַקייגן
זיי, ווער ווייס ווי שווער זיי ס׳איז?
גאָרניט מיר געטאָן צו וויסן
קיינמאָל ניט פון זיי געהערט,
מיר פון האַרץ אַרויסגעריסן
זיי ווי ביימלעך פון דער ערט.

יאָ, ווי עופעלעך צו שוועבן
פלעגן קומען זיי נאָך ברויט,
אוי, וואָס וואָלט איך איצט געגעבן
זיי צו זען נאָך פאַר מיין טויט.
ווען איך וואָלט צעזאַמענקלייבן
מיינע כחות נור געקענט,
וואָלט איך נאָך אַ בריוול שרייבן
זיי מיט מיינע אייג׳נע הענט.

און דערציילט ווי אָפּט צעגעסן
בענקשאַפט האָט מיין האַרץ נאָך זיי,
קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן
האָב איך מיינע זין די צוויי.

צו דער אַלטער מאַמען קיינער
מער פון זיי עס קומט שוין ניט,
אוי, ווי ס׳ברעכן מיינע ביינער
מיך און ס׳נאָגט אין יעדן גליד.

גאָט זאָל פאַר די רייד ניט שטראָפן
דאָך ווי ווייל דאָס האַרץ עס טוט,
אוי, ווי גערן אויסגעשלאָפן
וואָלט איך זיך און אויסגערוט.
שטיל, פאַרלאָשן שוין דאָס פיבער
טיף אין איר וואָס האָט געברענט,
אויסגעשטרעקט זי האַלט מיט ציטער
נאָך צו אירע זין די הענט.

איר דערלאַנגען שטיל רפואות
האָבן נאָנטע נאָך געוואָלט,
אָבער זי שוין האָט משמעות
וויסן ניט פון גאָר געוואָלט.
נור די ליכטיק בלויע אויגן
אויפגעעפנט אַזוי גוט,
ביז פון מויל אַרויסגעצויגן
האָט זיך איר אַ שנירל בלוט.

מיט די בלויע אויגן אָפן
און איר פנימל פאַרדאַרט,
איז זי הייליק איינגעשלאָפן
ווי אַ קינד פאַרחלומט צאַרט.
און ווען מ׳האָט אַראָפּגעהויבן
זי פון טויטנבעט פאַרבלייכט,
איז געווען ווי אַ פויגל
אַזוי גרינג איר גוף און לייכט.

84

יעדן פרייטאָג אָוונט הייליק
ווען דער זיידע פרומערהייט,
האָט צו קידוש מיט כונה
זיך אין יראה פאַרבאַרייט.
האָט ער זיינע בלינדע אויגן
אייפגעעפנט פול מיט פיין,
און די באָבעניו גערופן
שטיל צום קידוש אויפצושטיין.

ס׳האָט זיין קול מיט צער געקלונגען
אין מיט בענקשאַפט אָן אַ גבול,
אַז די ליכטער מיט רחמנות
האָבן זיך צעשמינקלט שטיל.
נאָר די באָבע ניט פאַרנומען
האָט דעם רוף פון זיידן באַנג, —
ווייל געוואַלגערט אויפ׳ן בוידעם
האָט איר קאפקע זיך שוין לאַנג.

85

נאָך דער באָבע זיידנס פטירה,
ווי אַ טייך אין הארסט וואָס פליסט ; —
אויפגערוישט האָט אונזער דירה
אַזוי שויעריק און וויסט.
שרעקנדיק צענויפגעקומען
די משפחה איז זיך גיך,
טרייסטן אונז פון צער גענומען
און אַליין צעכליפעט זיך.

מ׳האָט געהאַלטן אין איין ריידן
פון דער באָבעס זין די צוויי, —
וואָס צייט זייער זיך צעשיידן
מ׳האָט ניט מער געהערט פון זיי . . .
און אַהין אַהער געקליבן,
זיך געאייניקט מיט אַמאָל,
און עס איז דערביי געבליבן
טאַטע קדיש זאָגן זאָל.

וואָס ער דאַרף דערפאַר באַקומען
ניט געעאַמפערט מ׳האָט זיך לאַנג, —
אָפגעמאַכט און ר׳האָט באַקומען
ס׳נייע ש״ס פון ספרים־שאַנק.
טיש און בעטן, אַלמער, פראסע,
איז געבליבן ווי געווען, — —
נאָר די באָבען מיט׳ן זיידן
מ׳האָט שוין קיינמאָל ניט געזען.

צווייטער טייל

זיין...

וי פון שטורם צעוויגטע וואַלן
וואָס זיי שוימען און פאַרגיין;
איז דאָס הויבן און דאָס פאַלן
פון דעם לעבנס קאַמף און זיין . . .

1

שווער געוואָרן איז דאָס לעבן און דער מסחר איינגעשלאָפן,
האָבן פּאָר די קלויז־בחורים אויסגעלאָזן זיך די טעג,
האָט מען אויפגעהערט צו קנעלן, אַרבעט זוכן זיך צעלאָפן,
פון גמרא אינעם ווערקשטאָט זענען אַלע גלייך אַוועק.
ביי דער אַרבעט זיך געטראָגן און געקרייזלט האָט דער ניגון
פון דער תוספות גמרא און פאַרפלאָכטן זיך בסוד, — —
מיט די מעכטיק פרייע לידער, וועלכע אַלעס איבערשטיגן
האָבן פון אַ נייעם לעבן, ביים מאַשין צום טאַקט פון ראָד.

ביי די אויסגעדרייטע העלזער פון די זינגער־ניי־מאַשינען
האָבן אַרבעטער געזעלן זיך געפילט פאַרבונדן גלייך,
בייענדיק די „אָבערטיילן" יענעם חלום אויסגעשפּינען —
פון אַ נייען פרייען לעבן, וווּ ניטאָ קיין אָרעם, רייך.
און אין אָוונט נאָך דער אַרבעט, ניט מען פלעגט זיך אַמוזירן
גיין אין שענק די צייט פאַרברענגען אָדער ביי נקבות פּוסט ; —
אויף פאַרזאַמלונג אין פאַריינען פלעגט מען גיין און דיסקוטירן
זינגען יעדערער זייך שבועה : פּועלי־ציון און בונדיסט...

פלעגט זיך מאַכן אַז אַ רעדנער פלעגט אַ וואָרט אַ שאַרפס צו זאָגן
דאָס פּראָגראַם צו אַטאַקירן פון דעם אַנדערנס פּאַרטיי, —
פלעגט מען אים אַראָפּצורייסן פון דער בינע, זיך צו שלאָגן,
ביז געקומען מאַכן פּשרה איז אויף פערד די פּאָליציי...
אָדער ווען מען פלעגט אַ פּיעסע נעמען איינצורעפּעטירן
און דאָס געלט אַוועקגעלאָזן האָט מען פאַר אַ גוטן צוועק, — —
פלעגט מען ביי די פאַלשע ראָלן, עכטע ליבעס צו פאַרפירן
און עס זענען נאָכגעקומען שפּעטער גליקלעך העלע טעג...

2

האַרט געוועזן איז דאָס לעבן
און פאַרשאָטנט אונזער גליק,
האָט מען מיך אַוועקגעגעבן
צו דער אַרבעט אין פאַבריק.
טאַטע מיט זיין צער קיין פּשרה
מאַכן האָט ניט מער געקענט,
אַז זיין זון זאָל פון גמרא
ווערן פּשוט אָפּגעפרעמדט.

פלעגט ער צו דעם זיידן שרייבן
קלאָגעדיקע בריוו לרוב, —
וואָס אַ בעל מלאכה בלייבן
מוז זיין זון און ניט קיין רב.
האָט אַ תשובה אים געגעבן
באַלד דער צדיק פון טשעבין:
אַז מלאכה אינעם לעבן
איז דער הייליק העכסטער זין.

און דערווייל זיין זון געבויגן
איז געזעסן אין פאַבריק,
ביים מאַשין זיך אָנגעזויגן
מיט אַ נייען טרוים פון גליק.
אין די „כאַלעוועס" פאַרנייען
פלעגט ער אָפט זיין שווערן זין, —
און ניט אויפגעהערט צו דרייען
אַלץ דאָס ראָד פון דער מאַשין.

ביז פון אַרבעט טיפע ליידן
און פון מדרש גמרא תנ"ך;
האָט געוועבט ער אַ גן עדן
אויס זיך שטיל מיט גליק אַ סך.
ס'פלעגט די נאָדל לויפן פליען,
און דער פאָדעם פון מאַשין, —
ווי אַ שפינוועבס זיך צו ציען
מיט זיין טיף פאַרטרוימטען זין.

3

(געווידמעט דעם טייערן יוגנט דערציער יעקב קענער)

ווינטער ווען אין קעלער האַסטיק
ס'פלעגט די אַרבעט אָנצוגיין,
איינמאָל מיט אַ „יעזוס־בערטל"
איז צו אונז אַ מענטש אַריין.
אינעם נאַסן קעלער־חדר
אויפגעלויכטן האָט זיין בליק,
יעדעס האַרץ אַדורכגעוואַרעמט
מיט אַ נייען ליבן גליק.

אַלעמען די האַנט געגעבן
ליב און ברידערלעך פּאַרטרויט,
טיף געקוקט אים אין די אויגן
און געלינדערט אים זיין נויט.
אויסגעפרעגט פון אַלע ליידן
יעדערען וואָס ער פאַרדינט,
ווי אַ מאַמע אַ געטרייע
ביי אַ ליבן טייערן קינד.

און געבעטן נאָך דער אַרבעט
אויף דער נאַכט ניט פויל צו זיין,
נור צו קומען אין דער „יוגנט״
זיך צו בילדן אין פאַריין.
דאָרטן לערנען, שרייבן, לעזן,
יידיש, פּויליש, און ביינאַנד —
זיך די לאַגע אויפצוקלערן
פונעם אַרבעטאָרער שטאַנד.

ווען ער פלעגט צו אונז צו ריידן
האָט זיין האַרץ אַזוי געקוואַלט,
אַז עס איז אין יעדנס האַרצן
ליכטיקער געוואָרן באַלד.
ווייל די קינדישע נשמה
וואָס מיט נויט זיך אין פאַבריק —
האָט אַ גאַנצן טאָג געוואָרגן
האָט אַזוי געבענקט נאָך גליק.

ווי נור ר׳איז אַרויסגעגאַנגען
האָבן אַלע באַלד ווי פריינד, —
אינעם קעלער־שטוב דערפילט זיך
טיף פאַרבונדן און פאַרייניט.
ווייל זיין וואָרט דאָס זוניק־קלאָרע
איז אונז טיף אַריין אין בלוט,
און דאָס שווערע לעבן לייכטער
אונז געמאַכט מיט האָפנונג מוט.

4

דרויסן איז דער שניי געלעגן,
אינעם אָרימען לאָקאַל,
איז געווען לוסטיק פריילעך
אַרבעטס קינדער איבעראַל.

ס'האָט דער מידער ווייער רוקן
זיך פון אַרבעט אויסגעגלייכט,
און וואָס מ'האָט ניט אינעם לעבן —
האָט מען אינעם טרוים דערגרייכט.

וואָס מען האָט ביי עדעלשטאַטן,
מאַרקס און ראָזענפעלד געוועבט,
רויט געוואָרן זענען באַקן
אויגן האָבן אויפגעלעבט, — —
און אַ פייער גלאַנץ באַקומען
מיט אַ לוסט צו לעבן פריי,
ווען דער חבר מיט'ן יעזוס־
בערטל האָט גערעדט צו זיי.

ר'האָט אויך אָפט גערעדט פון ציון
פון אַ פרייערן געשלעכט,
וואָס דער אַרבעטאָרער שאַפן
וועט דורך פרייהייט דאָרט און רעכט.
יאָ, דעם מייסטערס בייזע בליקן
פון געזעלן אָפט די שלעק,
באַלד געוואָרן ווי פאַרגעסן
זענען מיט די הונגער טעג.

מאַרקס, לאַסאַל, מיט טיפן ערנסט
האָבן אונז געמאָנט צוגלייך, —
פון די בילדער צוגערופן:
„אַרבעטער פאַרייניקט אייך".
ביז מיר האָבן זיך צעזונגען
מיט אַ ניי און שטאָלצן ליד,
וואָס האָט יעדערנס נשמה
טיף פון פרייהייט אויפגעגליט.

5

ווי די שטערן יענע צייטן
גילדן אויף פאַר מיר און גליען,
ביי אַ האַלז אַן אויסגעדרייטן
פון אַ זינגער־ניימאַשין, — —

ווען געסאָפּעט מיינע גלידער
ס׳האָבן פון דער פרי ביז שפּעט,
שכורע פון פרייהייטס לידער
און מאַשינס געקלאַפּ געטרעט.

ביז געוואָרן מיד פון שפּעטער
אַרבעט בין איך אין דער פרי,
כ׳האָב דערזען ערשט צאַרט און דין, —

אויך געאַרבעט פאַר דעם טרעטער
פון אַ זינגער־ניימאַשין
האָט אַ מיידל וויז־אַ־ווי.

6

זי געזען, דערפילט זיך יינגער,
כאָטש איך האָב זי ניט געקענט, —
ווייל געוועזן אָן די פינגער
כ׳בין פאַרליבט פון אירע הענט.

ווי דעם הימלס שטערן שענסטער
האָט איר אויג געלייכט צו מיר,
ווען כ׳האָט אויפגעמאַכט דאָס פענסטער
און געשפּיגלט זיך אין איר.

ס׳האָט צו איר אַרויסגעזונגען
ס׳גאַנצע האַרץ מיינס פון באַגערן
און פון טיפער בענקשאַפט לייד, —

ווען איר זיסע שטים צו הערן
מיט דער ניימאַשין כ׳פלעג קלינגען
כ׳בין פאַרגאַנגען שיר פון פרייד.

7

כ׳האָב געפילט פאַרצויבערט ליבן
מוז איך יענע מיידל זעל,
וואָס זיך האָט מיט גלי פאַרשריבן
אין מיין יוגנטס־חלום העל.

איר געזעסן כ׳בין אַקייגן
איבער, יעדן טאָג גענייט,
אָפט פאַרליבט איך פלעג צו שווייגן
נאָר ס׳מאַשינענראָד געדרייט.

אין פאַריין אַז ז׳איז געקומען
ווען אַמאָל כ׳האָב דעקלאַמירט:
ראָזענפעלד, צי עדעלשטאַט, —

האָב איך זי אַדורכגענומען
און אַזוי דאָס האַרץ גערירט,
אַז זי האָט געוויינט כמעט.

8

צו דער אַרבעט כ׳בין געקומען
תמיד שטיל פאַרטרוימט געווען,
פאַר דער אַרבעט זיך גענומען
נאָר דאָס מיידל ניט געזען.

פאַר דער ניימאַשין געבויגן
כ׳בין געזעסן זינגנדיק,
און געפילט אַז אירע אויגן
פעלן מיר, איז פעלט מיר ס׳גליק.

פלוצים איז געוואָרן גרינגער
אויפ׳ן האַרץ מיר שטילערהייט
ווען כ׳האָב ווידער זי דערזען, — —

כ׳בין אַזוי באַרוישט געווען,
אַז די נאָדל אינעם פינגער
האָב איך מיר אַריינגעגייט.

9

ניט ווייט פונעם „וואָוועל״, אַ בוימל אַן אַלטע
געשטאַנען פאַרחלומט איז שטיל און פאַרגלוסט,
פון שנייאיקע ווינטן, פון פרילינגס צעשטראַלטע
פון ליבע און אומגליק גענוג שוין געוווסט.
און דאָרטן פאַריינזאַמט אַרום כ׳בין געגאַנגען
צעוויגט פון געפילן פאַרחלומט און צאַרט,
פאַרשכורט פון פרייהייט און ליבע געזאַנגען
פאַרבענקט אויף אַ מיידל אַ שטילן געוואַרט.

װען ס׳האָט זיך אַזוי װי אַ צאַרטע פּרינצעסן
די װײַסל געװיגט און געטוליעט צום ברעג,
געהיים מיט דעם מײדל פֿאַרליבט כ׳בין געזעסן
דאָרט אונטער דעם ביימל פֿון גאָלדענע טעג.
װען אויף האָט דאָס האַרץ אירס מיט הייסע באַגערן
געעפֿנט דאָס מײדל פֿאַר מיר טיף אַנטוישט, —
און ס׳האָבן די אויגן געפּערלט מיט טרערן
דאַן האָט זיך דאָס ביימל צעװיגט און צערוישט.

איך האָב ביי דער האַנט זי פֿאַרליבט אָנגענומען,
און טיף אין די אויגן געקוקט איר און לאַנג,
די װאַלן פֿון װײַסל צעזילבערט געקומען
זיי זענען געגאַנגען זײ׳ר אייביקן גאַנג.
איך בעט דיך האָט ציטריק איר קול זיך צעגאָסן,
פֿאַרשטויס מיך ניט אויך דו װי אַנדרע אומזיסט,
און זי האָט די ליכטיקע אויגן פֿאַרשלאָסן
געטוליעט זיך שטיל װי אַ קינד צו מײַן ברוסט.

און איך האָב איר װידער געעפֿנט די אויגן
מיט קושן אַזוי װי מיט בלומען באַשיט, —
און זיס פֿון די ליפּן און ברוסטן געזויגן
דעם דופּט פֿון איר גופֿל דעם שלאַנקן צעבליט.
פֿון קאָפּ די באַחנטע און גאָלדענע קרויזן,
זיי האָבן אַרום זיך מײַן האַלז שטיל געהילט,
און האָבן פֿאַרשכורט דאָס האַרץ מײַנס װי רויזן
מיט קלאַנגען פֿון צויבער װיאָלינען צעשפּילט.

ביז ס׳האָט זיך אין האַרצן אַ װילדער געװיטער
פֿון לוסט און פֿון ליבע צעברויזט און צעװיגט,
אוןביידע פֿאַרייניט האָט אַ שוידער און ציטער
פֿון ליבע, פֿאַרגעסנקייט, לעבן און גליק.
װען װידער דערװאַכט האָט פֿון שלומער איר רײנע
נשמה מיט הלל פֿון ליבע און פֿרייד, —
דאַן האָט זיך דאָס ביימל די אַלטע זקנה
מיט דופּטן מיט פֿרישע צערוישט און צעװײט.

פֿון װײַסל עס האָט זיך געטראָגן אַ ניגון
פֿון עפּעס אַ טיפֿן אומענדלעכן זײַן,
און מיר האָבן ביידע פֿאַרזונקן געשװיגן
זיך טיף אין די אָרעמס פֿאַרליבט און אַליין.

און גלייך ווי עס וואָלטן דעם ביימל אַקייגן
געקומען די צייטן פאַרליבטע צוריק, —
איז ווידער צערווישט מיט די בלעטער און צווייגן
עס האָט זיך דאָס ביימל פון פיין און פון גליק.

10

פון רוסלאַנד עס האָבן אַריין זיך געלאָזן
בגנבה קיין קראָקע די פּליטים גאָר שטיל,
גענומען האָט באַלד איר פאַרגליווערטקייט ברויזן
געוואָרן איז קראָקע פאַר זיי אַן אַזיל.
און צייטונגען, ביכער, בראָשורן, זשורנאַלן,
מיט לעקציעס זיך האָבן אויף יעדערן אָרט,
באַוויזן אַזוי ווי אין פרילינג די שטראַלן
צעוואַרעמט מיט ליבע דאָס יידישע וואָרט.

און מיידלעך וואָס פלעגן זיך אַסימילירן
און אָפּט מיט זשעראָמסקין, וויספּיאַנסקין געשמדט, —
מיט יידישע דיכטער זיי האָבן שטאָלצירן
גענומען און עפענטלעך יידיש גערעדט.
אויף יעטוועדן אָוונט און יעדער אסיפה,
וו ס׳האָט זיך די שאַפנדע יוגנט פאַריינט,
איז באַלד פּראָגרעסיוו זיך צעוואַקסן די סביבה
פון רייזענס אַקטיווקייט דערמוטיקט באַשיינט.

ווייל טיף האָט דער דיכטער מיט פערל און שטערן
צעשימערט באַלויכטן איעדעס געמיט,
און ווער ס׳האָט די זכיה געהאַט אים צו הערן
געוואָרן פון שיינקייט אַדורך איז געגליט.
אין גאָרטן אַלעע, אויף פאַרלאָזענע וועגן
אַ ווער ס׳האָט געוואַנדערט פאַריינזאַמט און טריב, —
באַלד רייזן, באַלד טייטש, און באַלד ווייטער אַנטגעגן
עס איז אים געקומען באַהאַרציקט און ליב.

11

(געהייליקט ווייטערן)

ווען נאָך סוכות ס׳האָט אַ מאַטער
טיפער שניי די שטאָט פאַרדעקט,
פלוצים האָט אַן אַגיטאַטאָר
זיך אַ בונדישער אַנטפּלעקט.

אין אַ לאַנגער פּעלערינע
מיט אַ גרויסער שוואַרצער שלייף,
פון דער צאַרישער „מדינה"
אָנגעקומען איז ער טריף....

יעדעס וואָרט זיינס האָט געגאָסן
זיך פון מויל אין האַרץ אַריין,
ברידער טייערע גענאָסן,
ס'איז די צייט פון אומקום פּיין.
דאָך מיר מוזן איבערווינדן
די פאַרביטערט שווערע צייט,
אַלע מאַכטיק זיך פאַרבינדן
צו אַ שטאָלן האַרטע קייט.

און אַזוי אַנידעררייסן
שטן פונעם מאָרד געוואַלט,
דעם פאַרבלוטיקטן און בייזן
מיט אַ פייער־מוט צעשטראַלט.
פּועלי ציון, ציוניסטן,
יידן פון דער „פּ.פּ.ס." —
האָבן שטיל אים מיט בונדיסטן
אויפגענומען ווי אַ נס...

זיינע לאַנגע האָר צעפלאָסן
זענען איבער זיין געשטאַלט,
שטיל געווען, ווען ס'האָט געגאָסן
זיך זיין קול פון ליכט צעשטראַלט.
ביז ער יעדן פלעגט דערפירן
אויף זיין וועג דורך פּיין דערקענט,
אַז ס'האָט קיינער דיסקוטירן
שוין ניט מער מיט אים געקענט...

12

אין פאַריינען ס'האָט געטומלט,
די פאַרטיי האָט אויפגעלעבט;
מיט אַפישן יעדעס געסל
איז געווען אויסגעקלעבט.

דעלעגאַטן אָנגעקומען
זענען פיל אין יענע טעג,
יעדער איינער אויף ויכוחים
פון אַן אַנדער וועלטנ־עק.

מ׳האָט געחקרנט און געפּלפּולט
מיטן הארץ און מיטן מוח,
און געלאָזט זיך אין דער נידער —
און געפלאַטערט אין דער הויך...
יידענטום און סאָציאַליזמוס
מ׳האָט פאַרבונדן אין באַגריף;
אויפגעראַלט אַ נייע תורה,
הייליק, נאַציאָנאַל און טיף...

אבנר, לאָקער און קאַפּלאַנסקי,
סירקין, באָרכאָוו מיט פאַרנעם, —
האָבן פייערדיק געדרשנט
ווי פאַרצייטן דער בעל שם...
כאַזאַנאָוויטש, מתית אחר,
ניט געבליבן איז צוריק, —
נאָר אַדורכגעפיילט דעם עולם
יעדער מיט זיין אָדלער־בליק...

אין סאָציאַל און נאַציאָנאַלן
זין געווען איז די טענדענץ, —
פון די הויכע אידעאַלן
„פּועלי־ציון קאָנפערענץ"...
איבער טעג און נעכט געצויגן
האָט זיך יידיש דער ויכוח;
פאַר דעם אַרבעטער באַשאַפן
ביז מען האָט אַ נייען איך...

13

אין פאַריין געקומען, אַ מיידל צאַרט און שלאַנק,
תמיד איז מיט בלומען און מיט פרייד געזאַנג.
סאַמעט ברוינע אויגן שטראַלנדיק פון ליכט,
האָבן צוגעצויגן מיך צו איר געזיכט.

ווען איר שטים די פיינע גערופן חבר האָט, —
געגלויבט אַז זי איז זיינע אַיעדערער עס האָט.
אַז איר גוף דעם שלאַנקן, שוואַרצע האָר געקריפּט;
האָט זיך מיין געדאַנקן און מיין האַרץ פאַרליבט.

כ׳האָב נאָך איר געלאָזן זיך אויף יעדן שריט;
וואָס ער האָט ווי רויזן, פאַרשכורט מיין געמיט.
ווען זי פלעגט צו לאַכן, האָט מיר אויסגעדוכט, —
אַז זי וויל מיך מאַכן באַנג פון אייפערזוכט.
כ׳בין מיט איר אין קאַרן געבלאָנקעט אויף דעם פעלד,
ווען לבנה׳ס האָרן, פאַרזילבערט האָט די וועלט.
זי׳ צום האַרץ געצויגן, צו און האָב געבליקט, — —
אין די סאַמעט אויגן איר אַריין באַגליקט.

ווען פון טרוים געפילן ס׳ערשטע מאָל דערשפּירט,
כ׳האָב איר קוש דעם שטילן, האָט ער מיך פאַרפירט.
פון מינוטן טריבע יאוש און פון לייד,
האָט זי מיט איר ליבע תמיד מיך באַפרייט.
אַז איך אָנגעפאַנגען זינגען האָב באַגליקט;
און מיט די געזאַנגען, זי און מיך אַנטציקט.
האָפנונג מיר געגעבן ווען כ׳בין געווען פאַרשטומט,
איך זאָל קענען לעבן מיט דעם גליק וואָס קומט...

14

ס׳איז געווען אין יענע צייטן
ווען געשוואַרצט זיך ס׳האָבן פיל, —
איבער גרענעצן אין קראָקע
דאָרט צו לעבן אין „אַזיל“
פון דער צאַרישער מדינה
וואָס האָט יעדן בייז און האַרט,
ווען פאַר פרייהייט ר׳האָט געשטריטן
אין די טורמעס איינגעשפּאַרט.

אָדער פינצטער אויף די תליות
אים געלאָשן אויס זיין בליק,
וועמען מ׳האָט געשיקט אין סיביר
האָט געהאַט נאָך מזל גליק.

צ׳ווישן יענע עמיגראַנטן
וואָס פאַרפאָלגט פון „פאָניעס קנוט״,
קומען פלעגן פיל טאַלאַנטן
פול מיט גלויבן און מיט מוט.

ווינער, הערשעלע, וויעוויורקע,
פישעל בימקאָ האַרציק טריי;
און דער שטיל פאַרטרוימטער אלמי,
סאָכאַטשעווסקי אויך מיט זיי.
יאָ, די אַלע מיט קדושה
האָבן שטיל געלאָזט צוריק, —
דאָרט אין קראָקע אָ ירושה
בענקעניש — נאָך פרייהייט, גליק...

15

ס׳בילד פון נאָרדוי און פון הערצל,
טיף געבויגן איברן בריק, —
מיט צענויפגעלייגטע אָרעם
און אַ שטיל פאַרטרוימטן בליק,
אין „השחר־קלוב״ געהאָנגען
שטאָלץ איז אויפ׳ן מזרח־וואַנט,
אין אַ גאָלדן־שוואַרצן ראָמען
און אַ בלויען־ווייסן באַנד.

און אַהין דאָרט פיל סטודענטן
מיט סטודענטקעס יינג און שיין,
פלעגן קומען אין השחר
אַלע אָוונט זיך צו גיין.
לערנען „עברית״, הערן רעדעס
איבער ציון וואָס וועט פריי, —
ווערן באַלד, דאָס לאַנד פון יידן —
ווי מען האָט פאַרשפּראָכן זיי.

קינדער פון די גויים היימען
וווּ מען האָט דערשטיקט דעם ייד,
האָבן ווידער אין „השחר״
נאַציאָנאַל זיך פריש צעבליט.

אָבער ביז די צייט וועט קומען
זיין פון גלות פריי מען וועט, —
האָט מען זיך געלערנט „עברית״,
פויליש פאַר דערווייל גערעדט...

16

ווען דער ערשטער מיי געקומען
איז, האָט אַלעס אויפגעלעבט,
מיט קאָקאַרדן זיך און בלומען
אויסגעפוצט, די ווענט באַקלעפּט — —
האָמיר דרייסטע, מיט פּלאַקאַטן,
ווי אַ פייער פלאַמיק רויט,
אַז אַן אימה אויף דעם זאַטן
פאַלן זאָל די שרעק פון טויט...

מיט די פענער מיר שטאָלצירן
זענען אויפ׳ן גאַס אַרויס,
און מיר פלעגן פּראָטעסטירן
פאַר אַ יעדן רייכנס הויז.
אַז די גראָבע בורזשואַרן
וואָס זיי לעבן פון געווין, —
זאָלן וויסן די בונטאַרן
רופן זיי צום „יום הדין״.

פּראָקלאַמאַציעס אומגעשוומען
ווי די בלעטער אינעם וואַלד,
זענען, מ׳האָט געמיינט אַז קומען —
וועט דער סאָציאַליזם באַלד.
ס׳האָט געלייגט די אַרבעט יעדער
„פאַר דעם גרויסן פרייהייטס ציל;
„עס פאַרשטומען אַלע רעדער,
„ווען דיין שטאַרקע האַנט נור וויל״...

17

איז זעליק אַריין אין אַ שטעטל געקומען
עס האָבן אים פריינד שוין דערוואַרט פון פּאַרטיי,
און האָבן אַראָפּ אים פון סטאַציע גענומען
און באַלד איז געוואָרן גאָר נאָנט ער מיט זיי.

ער האָט זיך געלאָזט פון אַ יעדן דערקלערן
זיין טרויריקן גורל, דעם מצב פון כלל;
געוואָרן דורכגעדרונגען פון לעבן דעם שווערן:
„פון אַרבעט, און מער ווערט, און לוין קאַפּיטאַל"...

אין אָוונט מיט פלאַם און התפעלות געדרשנט,
אַ יעדער מיט אים האָט געפילט זיך פאַרקניפּט;
און אַלע עס האָבן זיין פייער געירשנט,
די מיידלעך עס האָבן אין אים זיך פאַרליבט.
גענומען ווען ער האָט צו רעדן פון ציון
זיין אויג האָט באַקומען פון צער אַזאַ פלאַם, —
וואָס יעדנס נשמה געקענט האָט צעגליען
פאַרבינדן ווי בלומען מיט שטראַלן צעזאַם.

די יידישע ליידן, גירושים און ווייען
דאָס אייביקע ווערן פאַרפאָלגט און געפּלאָגט, —
אַרויס פון זיין האַרצן גענומען האָט שרייען
און עלנט פאַר ווייטאָג זיך ביטער צעקלאָגט.
אָ, דאָרט אויף די בערגער פון ציון באַפרייטע
ווו ס'יידישע לעבן אויפסניי פאַנגט זיך אָן, —
דער יידישער אַרבעטער באַלד וועט צעשפרייטן
פון פרייהייט זיין הייליק פאַרבלוטיקטע פאָן.

18

פונקט אַזוי פריי ווי ער האָט אויף דעם פּאָדיום
געפילט זיך ביים רעדן, — האָט זעליק זשענירט,
געפילט זיך ווען ער האָט פּריוואַט מיט אַ מיידל
אַמאָל ווען אַ שמועס אַן אינטימען פאַרפירט.
געלאָזן אַראָפּ האָט פאַרשעמט ער די אויגן
עס זענען די באַקן געוואָרן אים רויט,
געשמאַכט האָט נאָך ווערטער זיין גאַנצע נשמה
אַזוי ווי אַ יורד נאָך געלט אין דער נויט...

דערפאַר זיך געפילט האָט ער עלנט פאַרלאָזן
און אייביק נאָך ליבע זיין האַרץ האָט געגאַרט,
עראָטיש דערוואַכטע — דערשטיקטע געפילן,
זיי האָבן געדייצט אים, פאַרפאָלגט און גענאַרט...

ביז ר׳האָט זיך מיט פרויען בדמיון פאַרבונדן
וואָס האָבן אים וואַך, ווי אין חלום פאַרפירט;
זיי נאַקעט אומאַרעמט, צעעפנט די שויסן,
געקושט זיירע ברוסטן און שטיל אנאנירט...

19

אַמאָל אויף אַ פאַרטראַג איז זעליק געקומען
אַריין אין אַ שטעטל אַ קליינעם פאַרנאַכט,
אין פריילינג ווען ס׳האָבן די קרייטער און בלומען —
מיט הערצער פאַרליבטע פון שלומער דערוואַכט.
ער האָט זיך געלאָזט פון אַ חבר באַגלייטן
בשתיקה ס׳זאָל קיינער ניט וויסן און זען, —
אַריין אין אַ ביתל ערגעץ אַ ווייטן
וואָס איז ערגעץ אונטער דער שטאָט דאָרט געווען.

עס האָבן ווי שלאַנגען פאַרפלאָנטערט געפילן
געצויגן, געגנאָגט אים זיין האַרץ און זיין זין, —
און ער איז זיין אייביקע בענקשאַפט צו שטילן
געגאַנגען אַזוי ווי באַרוישט דאָרט אַהין.
ווייל ר׳האָט אין דער אַרבעטער צייטונג געלעזן
„אַ ליד פון אַן אָרימער מיידל באַטריבט״,
וואָס איז דורך איר עלנט געפאַלן געוועזן
און ער האָט ביים לעזן אַן איר זיך פאַרליבט.

אַמאָל ווען צו איר איז אַ קינסטלער געקומען
דאַן האָט זי מיט אים זיך באַטרונקן מיט ביר,
און אים נאָך געגעבן איר אייגן מזומן
געוואָלט ווען פאַר ליבע באַצאָלן ר׳האָט איר...
ער איז מיט דעם חבר אויפזוכן געגאַנגען
„דאָס צאַרטע געפאַלענע מיידל פון ליד״;
וואָס האָט אים צעוויגט זיין געפיל און פאַרלאַנגען
דאָס איינזאַמע האַרץ זיינס מיט ליבע צעגליט.

אַזוי ווי אַ שטערן פון טיף בלויען הימל
צעשיינט און צעלויכטן מיט זילבערנער פראַכט,
אַזוי פון דער ערד האָט אַרויס ער אַ בלימל
געריסן און איר אַ מתנה געבראַכט.

געזוכט זי מיט בענקן, געוואָלט זי געפינען
אַ דאָרט אין דעם ביתל הינטער דער שטאָט,
עס האָט אים אַ נעפּל פאַרפלאָנטערט זיין זינען,
געדרייט פאַר די אויגן אַ פייערדיק ראָד...

אויף איינמאָל דערפילט האָט ער שפּלער, קלענער,
עס האָט אים אין האַרצן געגעבן אַ ברי, —
פון קאַסטן די ביליק וווּלגאַרישע טענער
ווי אונטערגעהאַקט אים זיי וואָלטן די קני.
דער קאַסטן געשפּילט האָט געפּויקט מיט געקלירן
עס האָבן די מיידלעך געטאַנצט דאָרט אַנטבלויזט,
פאַרשכורט ווי באכוס אַרום מיט סאַטירן
און האָבן זיין סעקסוס מיט זנות אים צערוישט...

ביז ער איז געפאַלן צעגליט פון באַגערן
פאַרציטערט אַריין אין אַ זונישער שויס, —
אַזוי ווי עס פאַלט פונעם הימל אַ שטערן
אַריין אין אַ קעלך פון אַ וועלקנדער רויז...
ער האָט איר פאַרתאוהט געזויגן די ליפּן
געפּרעסט טיף „דאָס מיידל פון ליד" צו זיין ברוסט;
ביז ס'האָבן ביי אים זיך פאַר ציטער די ריפּן
אין שוידער צעלאָזט פון אומענדלעכער לוסט.

דערוואַכט פונעם טרוים — האָבן איבלדיק מיאוסע
געפילן פון עקל און גיפט אים געבריט, —
פאַרפאָלגט נאָך עס האָבן פון פעלד אים די זיסע —
געשמאַקן פון בלומען און קרייטער און צוויט.
און דאָס איז זיין ערשטע געליבטע געוועזן,
(וואָס ער האָט געבראַכט איר אַ בלום צום געשאַנק);
און האָט זי אַרויס „פון אַ לידל געלעזן"
געוואָרן פון איר איז ער אָנגעשטעקט קראַנק...

20

אין אַ ראָק מיט קורצע אַרבל
און אַ לאַנג צעריסנער הויז,
איינמאָל האָט אַ פריינד קיין קזשאַנעוו
שבת זיך געלאָזט אַרויס.

צו דער יוגנט אַגיטירן
זיי צו געבן צו פֿאַרשטיין,
אַז זיי זאָלן נעמען רירן
זיך און בילדן אַ פֿאַריין.

ווייל דאָס שטעטל אָפּגעלעגן
פֿון דער באַן געווען איז,
פֿאָרן צו מען האָט מיט וועגן
צו דעם שטעטעלע געמוזט.
איז דערפֿאַר עס האָבן חסידים
באַלד דעם ממזר יונג דערקענט,
און פֿאַרקאַשערט זיך די אַרבל
מיט כּונה פֿון די הענט.

און געווען מקבל פּנים
אים מיט פֿייער פּעטש און שלעק,
און דערלאַנגט אין זייטס מיר מוחל
שטעך, מיט נאָדלען אים פֿון זעק.
אַז דער גאַנצער רעדלפֿירער
האָט ניט רעדן מער געקענט —
ווייל מען האָט דעם יאַט פֿאַרהאַלטן
דאָרט געלאָזט אין קאטשעמענט...

21

כ'האָב געקענט אַ מענטש אַ שטילן
וואָס זיין האַרץ געווען איז צאַרט,
האָט ער פֿעסט זיך מיט זיין ווילן
ניט צום דינען איינגעשפּאַרט.
ריין געווען איז זיין געוויסן
גרויס און שטאָלץ זיין פֿרייער מוט,
ניט געוואָלט אומזיסט פֿאַרגיסן
האָט דער מענטש קיין מענטשנבלוט.

אין קאַזאַרמעס, לאַצאַרעטן,
האָט מען אים אַרומגעפֿירט,
אָנגעזאָגט די באַיאָנעטן
אַז דער פֿייגלינג סימולירט.

יעדעס מאָלביים עגזעצירן
איבונגגן מיט שווערט און שפּיז,
האָט געלאָזן ער סיקירן
זיך און טרעטן מיט די פּיס.

און דערפאַר אַרומגעצויגן
האָט מען אים צו שפּאָט און שאַנד,
קיינמאָל ניט געוואָלט אויפהויבן
אויף אַ מענטש ווייל ר׳האָט זיין האַנט.
פאַר אַ מזיק, אַ מטורף,
וואָס ער וויל די גאַנצע וועלט,
מאַכן אין זיין צאָרן חרוב
האָט דער פייגלינג זיך פאַרשטעלט.

און זיין רצון ניט פאַרביטן
האָט ער און געוואָרן שלאַף,
נור מיט פיינען אָפּגעהיטן
העלדיש דעם „לא תרצח לאו״.
קיינמאָל ניט געוואָרן שכור,
אין געפאַר פאַרלוירן זיך, —
און דער מענטש דער עלנדיקער
פייגלינג בין געוועזן איך...

22

ס׳האָט דער דאָקטאָר ווי בהמות
אינעם אַסענטירונגס־זאַל,
אונז גע׳בדקנ׳ט און מיט אימת
האָבן מיר דערהערט זיין קול.
„טויגלעך״, יעדעמען געשטאָכן
האָט דאָס וואָרט זיינס ווי אַ שפּיז,
זיך פאַר ציטער איבערבראָכן
האָבן שיר די שטעלערס פיס.

יינגע מענטשן גאַנצע רייעס
אינעם שעכט־הויז איינגעשפּאַרט,
האָבן עלנט ווי די חיות
זייער מיתה אָפּגעוואַרט.

און דער שוחט האָט געגומען
אָן רחמנות אָן אַ צאָל,
און באַפרייט די רייכע בנים
פונעם אָסענטירונגס עול.

ווער די נעכט אַרומגעטראָגן
האָט זיך אָפּגעפּאַסט די טעג,
דער נור אָפּטמאָל דורך זיין פּלאָגן
איז פון דאָרט באַפרייט אַוועק.
ווער פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען
איז פאַרומערט, ווער באַגליקט, —
ווער מיט שכור׳ע געזאַנגען,
אינעם קריג צום טויט געשיקט...

23

רעדעס, ביכער און בראָשירן
שטרייק פאַרזאַמלונג און פאַריין,
האָבן ניט דאָס עגזיצירן
אָפּגעהאַלטן און דאָס גיין, —
צו די זעלנער און זיך לאָזן
דרעשן שניידן ווי אַ היי,
און צעטרעטן ווי די גראָזן
פון אַ יעדן שטיוול פריי.

סוחרים, אינטעלעקטואַלן,
אַרבעטאָרער, סאָציאַליסט,
פאַרן פאָטערלאַנד געפאַלן —
אַלע זענען בלינד אומזיסט.
און דערפאַר דערנאָך במחילה
ווען מ׳איז צ׳ריקגעקומען פאַרט,
פלעגט מען לאָמען אויף אַ קילע
אָדער ביי דער שטאָט געשנאָרט.

נאָך אַ קונה אומגעשלעפּט זיך
גאַנצע נעכט די פרוי האָט מיד,
אָט אַזוי עס האָט געלעבט זיך
און פאַרהונגערט איז מען ניט.

נאָכן עלנטן קראַפּירן
ערשט דערזען דעם יאָמערטאָל, —
וואָס געקענט עס האָט פּאַסירן,
קען פּאַסירן אַלעמאָל...

24

אויסגעשטרייקט און אויסגע׳חלום׳ט,
אויסגעבלוט זיך אויך אין קריג,
און אין פרייהייטס רעוואָלוציעס
ווי אין אַרבעטאָרער זיג.
און אפילו ניט געקומען
נענטער מיט אַ שריט צום ציל,
נייער דרוק פון נייען שונא,
בלוט אומזיסט פאַרגאָסן פיל.

שלעכטער איז דער מענטש געוואָרן
ווי אַמאָל פאַרהעצטער ווילד,
פון נקמה האָס און צאָרן
נאָך זיין האַרץ ניט איינגעשטילט.
אויסגעגליט אין יעדן פייער
אָנגעגאָרט מיט נייען שטאָל; —
און מיט וואָס דען איז מען פרייער
ווי מען איז געווען אַמאָל?

25

אַ בערגעלע ערט, אַ מצבה,
אַן איינזאַמער נאָמען און גאָר, —
געוואָרן געטויט אין מלחמה
צו אַכצן פאַראָרימטע יאָר.
און גייט ווער פאַרביי ווען דעם בערגל,
דאַן אָטעמט ער טיף אויף און שווער,
פאַרשלינגט פון רחמנות פאַרבאָרגן
אַ שטילע פאַרציטערטע טרער.

26

קיין בערגל, מצבה, געפאַלן —
אין קריג און קיין נאָמען באַקאַנט ;
צו יעדערער צייט פאַר דער פרייהייט,
צו יעדערער צייט פאַרן לאַנד...
דער ווינט נור אַליין קען באַקלאָגן
דאָס איינזאַמע בלימל וואָס בליט, —
דאָרט שטום אויף דעם קבר פון מאַסן
קיין מענטשלעכער ווען דאָך ניט...

27

וואַרפן דיר אין מיאוסן פּרצוף
כ׳וועל דעם סמאָקינג און צילינדער,
לאַקשיך, ס׳ווייס געפּרעסטע העמד מיינס,
דעם בריליאַנט רינג און קראַוואַט, —
און זיך אָנטאָן אדם נאַקעט
ווי אַמאָל פאַר אַלטע צייטן,
אין מיין אַלטן פייגנבלאַט.

כ׳בין דיר מוחל דיינע חכמות,
דיינע איזמען, פילאָזאָפיעס,
וועגן מענטש און וועלט און גאָט,
כ׳וויל ניט וויסן פון זיין טעכניק,
דיין מעכאַניק און דערפינדונג,
לויפן וויל איך אין דער מדבר
ווי אַ ווילדער האָטנטאָט.

כ׳האָס ס׳געריכט דיינס, דיין טעאַטער,
דיינע צייטונגען און ביכער,
קירך און אוניווערזיטעט ;
די גלחים און רבנים,
סאָציאָלאָגן, דיפּלאָמאַטן,
דיינע אַלט און נייע קונסטן :
דיכטער, שפּילער, און פּראָפעט !

ווייל וואָס האָסטו שוין בן אדם
אינעם גאַנצן אוניווערזום
אויפגעטאָן מיט דיין קולטור ?

האָסט באַשאַפן גיפטן, גאַזן,
אינסטרומענטן זיך צו מאָרדן
שקר, גזלה, זנות און עולות,
עלנדיקע קרעאַטור.

לויפן וויל איך אין דער מדבר
צווישן עגדישן און שלאַנגען
צווישן לייב און טיגער בער, -
ווערן אין די טיפע זומפן
דאָרט פאַרזונקן און פאַרפאַלן
ווייט פון אַלע קאַניבאַלן
נאָר ניט זען קיין מענטשן מער!

דריטער טייל

פארגיין . . .

ווי אַ ליד וואָס ווערט אין מיטן
אָפּגעהאַקט אין שענסטן קלאַנג, —
ווערט דאָס לעבן איבערשניטן
אָפּטמאָל אין זיין בעסטן גאַנג . . .

1

ווו מען פלעגט די אויגן שיקן
קירעס „אָדלער” מ׳האָט דערקענט,
וואָס אויף שענקן און טראַפיקן
איז געהאָנגען אויף די ווענט.
ס׳זענען לייט נאָך שפּריט וואָס בענקן
אויך ניט ווייניק דאָ געווען,
וואַלגערן אין גאַס און שענקן
האָט מען תּמיד זיי געזען.

ביז עס האָבן בייזע בליקן
אויף די יידן אויפגעשטראַלט,
זיירע שענקן און טראַפיקן
האָט מען צוגענומען באַלד.
איז אַ טומל דאָס געוואָרן
גלייך ווי קראָקע וואָלט געברענט, —
איז מען באַלד קיין ווין געפאָרן
פּראָטעסטירט אין פּאַרלאַמענט...

2

אינעם רינעק אויפ׳ן דענקמאָל
פונעם פּוילישן פּאָעט,
איז דאַשינסקי*) אָפּט געשטאַנען
צו די אַרבעטער גערעדט.
און די הערצער אָנגעצונדן
מיט זיין וואָרט ווי פייער ריין, —
אויסגעגליט פון פּוילנס ווונדן
און פון נאַציאָנאַלער פּיין.

ווען די פרייהייטס שעה וועט שלאָגן
זיין די קנעכטשאַפט וועט פאַרביי,
דאַמאָלט יידן אינעם פרייען
פּוילן וועלן זיין אויך פריי...
און פאַרלאַנגט אַז זיינע ברידער
זאָלן בעסער אים פאַרשטיין ;
וועט דער דרוק פון רוס און קירען
לייכטער צו דערטראָגן זיין...

*) פּוילישער אַרבעטער פירער.

אונזער בלוט פאַר פרייהייט גיסן
מעג זיך און פאַר פוילנס גליק, —
אונזער ערט וואָס איז צעריסן
ווילן מיר אויף גאַנץ צוריק.
ווען אין פוילן יושר־זיטן,
ווען הערשן מיט אַ טאָלק,
ווערט ניט מער ווי מיר געליטן —
טאָרן ליידן שוין קיין פאָלק...

אים געענטפערט בייז האָט אָפּטמאָל
„עסטרייך׳ס אויפגעפלאַנצט געווער״,
און זשאַנדאַרמען וואָס צעשלאָגן
האָבן דעמאָנסטראַנטן שווער.
דאָך געקלונגען אין די גאַסן
האָט עס מעכטיק און געשאַלט:
„יעשטשע פאָלסקע ניע זגינעלאָ״
קומען ווערט די פרייהייט באַלד!

3

איז דער דריטער מאַי געקומען
האָבן פוילן אויסגעצירט,
מיט קאָקאַרדן זיך און בלומען
אויף די גאַסן דעמאָנסטרירט.
מיט טרומפּייטן גאָלדנע שנורן
און מעדאַליעס כלערליי,
אין היסטאָרישע מאנדורן
טיף באַערט דעם דריטן מאַי.

ס׳זענען סאָקאָלעס געגאַנגען
און מאַרשירט פון אויבן אָן,
שטאָלץ מיט פאַקלען און געזאַנגען
מיט דעם אָדלער אויף דער פאָן.
פוילנס פּאַטריאָטן ווידער
זענען אויפ׳ן גאַס אַרויס,
מיט רעליקוויעס, מוזיק, לידער,
זיך באַוויזן פריי און גרויס.

מיידלעך יידישע פּאַטראָלן
האָבן גליקלעך זיך געפּילט,
מאַנדורירטע ווי סאָקאָלן
„יעשטשע פּאָלסקאַ״ מיטגעשפּילט.
אויף דעם „וואַוועל״ מיטגעצויגן
מיט דעם פּוילישן המון, —
מיט צעבליצטע טרערן אויגן
ערן פּוילנס גאָלדנע קרוין...

4

קירע תמיד האָט געפּרעסן
אויף גאַליציעס מי געקוועלט;
וואָס אַמערסטן ס׳איז באַזעסן
האָט אַליין איר אויסגעפּעלט.
אויסגעזויגט און אויסגענאָגן
האָט זי עס געלאָזט אָן קראַפט;
און פון דאָרט אַרויסגעטראָגן
מעל און קוילן, האָלץ און נאַפט.

מיט בהמות, אייער, פּוטער,
מ׳האָט פּאַרפּלייצט דעם וועלטנמאַרק, —
און אַליין געקוועלט זיך ביטער
יעדן ביסן אָפּגעקאַרגט.
און דערפאַר צוריקגעגעבן
קירע האָט איר פאַר דער זעל, —
ס׳זאָל ניט פאַרבלאָז זיין איר לעבן
טאַבעק, בראָנפן און באָרדעל.

ווען פון עסטרייך ס׳האָט געליטן
פּוילן און פון רוסלאַנד שווער,
אויפגעטיילט געווען צעשניטן
ס׳איז פון ביידנס מיליטער.
דאַמאָלט איז געווען צופרידן
פּוילנס פּויער, סוחר, האַר, —
און דערנאָך געטאָן די יידן —
דאָס וואָס זיי עס האָט דער „צאַר״...

ווען פון קירישע זשאַנדאַרן
מ׳האָט דעם „וואַוועל״ אויסגעלערט,
איז אין פּוילן ענג געוואָרן
פלוצים פאַר דעם ייד די ערט...

ווען די קייטן פוילנס גלידער
האָבן בלוטיק שווער פאַרפּיינט, —
איז דער ייד געווען אַ ברידער
און דערנאָך דער ערגסטער פיינט...

5

אָ, פּוילישע ווייסל, וואָס איז דען דיין ברומען
אַזוי אַך פאַרביטערט געוואָרן און באַנג ?
צי ווײַנסטו ווייל ס'האָבן דיך רויבער פאַרנומען,
אָ, וויין ניט מיין ליבסטע ווייל ס'איז ניט אויף לאַנג.
ניט איינמאָל שוין האָבן דיין טרייהייט פאַראָטן
די אייגענע פריינד ווי דער שונא מיט שאַנד ;
אַרום אויף דיין הייליקטום עלנט געטראָטן
פאַרשאַכערט דיין פאָלק, און צעשניטן דיין לאַנד.

אָ, פּוילישע ווייסל, דיין טרויעריקער ניגון
פאַרמישט איז מיט יידישן בלוט און מיט וויי, —
און ביידע מיר מוזן איין שונא באַזיגן
אַרויס פון דער שפּל'ער קנעכטשאַפט אויף פריי.
צי האָבן מיר דען ניט שוין איינמאָל געטראָגן
צעזאַמען פאַר פרייהייט דיין פאָן און דיין שווערט ?
אויף טויט און אויף לעבן זיך מוטיק געשלאָגן
באַפרייט פונעם בלוטיקן שונא דיין ערט.

צי זענען מיר דען ניט פאַרבונדן געוואָרן
אין ביטערן גלות געוועזן פאַרפּיינט, —
דורך לאַנגע און בלוטיקע פינצטערע יאָרן
פאַרוואָס זאָל אונז ליבע ניט האַלטן פאַראיינט ?
מיר טאָרן ניט לאָזן פון בוגדים זיך פירן,
פון די נאַר וואָס ליבן דעם אמת מיט מוט, —
ווי לאַנג ס'וועט די פינצטערע בעסטיע רעגירן
וועט פליסן דאָס יידיש און פּוילישע בלוט.

מיר האָבן דיין פאָלק און דיין לאַנד אָפּגעגעבן
ניט איינמאָל שוין אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט,
אַז פריי אויף דיין ערט זאָלן קענען מיר לעבן
דאָך האָט מען אונז שפּעטער מיט שנאה פאַריאָגט.

יאָ, דאָרט אויף דער זעלביקער ערט ווו געבויגן
עס שטייט היינט דער „וואַוועל" מיט בענקעניש פול, —
פון דאָרט אויך צום הימל מיט טרויריקע אויגן
עס בליקט אונזער „אַלטע און הייליקע שול".

און דאָרט אויף דער זעלביקער ערט וואָס באַקראָכן
עס איז היינט מיט ווערעם פון אכזר׳ס פאַרנעם,
„דאָרט רוען פון אונזערע אבות די קנאָכן
שמסרו את נפשם על קידוש השם"...
אַ אָרימע היימאַט פון רויבער צעשטיקלט,
מיט יידישע שולן פאַרניכטעט פון בראַנד,
אַ פוילישע ווייסל באַהאַרצטע וואָס וויקלט
אַרום ווי אַ מאַמע מיט ליבע דאָס לאַנד.

מיר שווערן אויף אייביק דיין טרייקייט צו היטן
מיט בלוט צו געווינען צוריק אונזער ערט,
ביז ווערן עס וועט ניט דער שונא פאַרשניטן,
און פאַלן דער לעצטער פאַרטיליקט פון שווערט.
עס מוזן פאַרשווינדן די בייזע געפאַרן,
וואָס האָבן די פעלקער און לענדער געקוועלט, —
ביינאַנד מיט די פינצטערע דייטשע באַרבאַרן,
וואָס אייביק זיי שטערן די רו פון דער וועלט.

מיר וועלן ניט לאָזן זיך קיינמאָל פאַרטרייבן
ווייל תמיד מיר האָבן געבלוטיקט ביינאַנד,
ס׳וועט קיינער ניט טאָרן אונז שטערן ס׳פאַרבלייבן
באַפרייט אויף דיין ערט אינעם פוילישען לאַנד.
אַ פוילישע ווייסל, דו גלויב אונזער טרייהייט,
ניט רויש אַזוי טרויעריק באַנג אָן אַ טאָלק —
מיר ליבן די פוירים, דיין ערט און דיין פרייהייט,
אַזוי ווי דאָס אייגענע ליידענדע פאָלק...

6

אַפטמאָל קראָקע האָט גענומען
און פאַרגעסן שטיל צו זיין,
צו מאַנעוער ווען געקומען
ס׳זענען זעלנער פיל אַריין.
באַלד געכאַפּט זיך פראָמענירן
מיידלעך יידישע בסוד,
האָבן ליב מיט אָפיצירן
אין דער אַלטער פעסטונגס־שטאָט.

און עס איז געווען ליהודים
אין טעאַטער און קאַפעס, —
ס׳האָבן טעכטער פון חסידים
אומגעטאַנצט אין קאַבאַרעס.
זיך געגומען שאַמפּאַנירן
גוט פאַרשטאַנען וואָס געוואָלט, —
ס׳האָבן אַלע אָפיצירן
און דערפאַר זיך טיף דעקאָלט...

און געלאָזט מתנות געבן,
זאַכן שיינע אָן אַ שיר,
און דערוווּסט זיך ערשט פון לעבן
דורך דעם פיינעם אָפיציר.
פלעגט דער בראָטן זיך ניט באַקן
לאָזן ווי געוואָלט, געשנעל, —
האָט דער אָפיציר מתקן
דאָס געווען אין באָרדעל.

7

ביתלעך פאַר פיינע הערן
האָט די שטיל באַשיידנע שטאָט,
וואָס געהאַט האָט פיל קאַסערן
אויך ניט ווייניק דאָרט פאַרמאָגט.
און אַהין עס פלעגן קומען
זשעדנע מענער הונגעריק,
קויפן ליבע פאַר מזומן
זויגן ביי די זונות גליק.

ס׳פלעגט דער מוזיקקאַסטן שפילן
דאָרט מעלאָדיעס באַנגלעך זיס, —
און די מיידלעך צו אַנטהילן
זיך די רוקנס מיט די פיס.
קניען אויפגעמאַכט ווי צוואַנגען
און אין זיי דאָרט ערמעדיק, —
מענער איינגעפּרעסט, געפאַנגען
זיי און טיף דאָס בלוט צעוויגט...

נאָכ׳ן ביר און שנאַפּס צו קריכן
פלעגט די האַנט צו יעדער מויט,
און געווען צו אַלעם מוכן
מחמת סעקסועלער נויט...

גוט געווען פאַר דעם ציילן
ס׳געלט, די מיידלעך זענען דאָרט;
און זיי פלעגן זיך ניט איילן
מיט׳ן לייב, און מיט׳ן וואָרט...

אָבער באַלד ווי מ׳איז געקומען
אָן צו זיי אין סעפּאַרע,
האָבן זיי פאַרלאַנגט ס׳מזומן,
פאַר דער ליבע און אַדיע!
אַט אַזוי צעוויגט ס׳פאַרלאַנגען
האָט די שטאָט פון גאַרניזאָן,
ווי צו דעם אַהינגעגאַנגען
וואָס איז דאָרטן אָן קאָנדאָם...

8

די טרויער פּאָליטיק פון בעק און רידז סמיגלי,
מיט אַלע „ענדעקעס״ פאַרסמט אָן אַ מאָס,
דער שקרער אָפּמאַך פון היטלער, פּילסוצקי, —
געפּלאַצט האָט אַזוי ווי פון זייפן אַ בלאָז.
און ס׳האָט איבער פּוילן אַ בלוטיקע כמאַרע
געהיים זיך צעצויגן אַזוי ווי אַ שלאַנג,
געפּאַלמעסט פון קנאה, פון האַס און פון שנאה,
וואָס פּוילן אַליין האָט געזייט פאַר זיך לאַנג...

עס איז גאָר קיין אויסטערלישס אויך ניט געשעען,
עס האָט נור דאָס שפּינוועבס צעריסן דער ווינט, —
אויף איינמאָל עס האָבן די קלוגסטע דערזעען
דאָס ליכט פון דער זון, וואָס עס זעט יעדעס קינד.
און יעדער פאַר פּוילן, פאַר זיך און פאַר פרייהייט,
דערהויבן עס האָט מיט זיין שווערט אַ געבעט, —
גערופן צו אַלע באַשיצן די פרייהייט,
געקומען דער רוף אָבער איז שוין צו שפּעט...
— — — — — — — —

דאָרט אונטער די פייערדיק בלוטיקע גאַסן,
וווּ ס׳האָט געהאָגלט אַראָפּ מיט געוואַלט,
פון הימל צעפּליקטן מיט ווילדע געשאָסן
און מענטשן און הייזער און שעלטער און גאַסן,
מיט העלישן פייער צעזעצט און צעקנאַלט — —

דאָרט האָט זיך אַן אָרימער נפש געוואַקלט,
געקוילערט פאַרלוירן זיך שטום אויף זיין בויך,
פאַרביי דורך די בלוטיקע ראָגן צעפּאַקלט
אַריין זיך געעגבערט אין קנוילן פון רויך.

ביז ר׳האָט זיך פאַרשלעפּט אין באַשיצונג פון גריבער
פון דאָרט צו באַגעגנען דעם פיינט מיטן שווערט,
געגליט אין זיין גוף האָט אַ גרויליקער פיבער,
פאַר אַלע די אָרימע יידישע שטיבער,
וואָס חרוב געמאַכט האָט דער פיינט און צעשטערט.
ווען ס׳זענען שוין בלוטיק געשטאַנען פאַרזונקן
די גאַסן, די הייזער, אין פלאַמיקן בראַנד, —
און ס׳האָבן צום הימל געשאָסן די פונקן,
איז זעליק געשטאַנען נאָך טיף ווי באַטרונקן,
אַרויס ניט געלאָזן די שווערט פון זיין האַנט...
— — — — — — — —

אין רעגן און נעפּל די שאָטנס זיך ציען,
אַ ווילד און משונעדיק צאַרנען זיך הערט,
זיי ביקן און בויגן זיך, פאַלן און קניען,
און קענען ניט אויפשטיין פאַר וויטיק פון דר׳ערט.
ביז עס דערהויבט זיי פון שטיוול אַ שטויסן
וואָס גראָבט ווייך אַריין זיך אין בייכער פאַרבלוט, —
און באַלד עס דערהערט זיך אַ כאָרכלען און גוסס׳ען,
פאַרמישט מיט די קלעפּ פון אַ רוצחישער קנוט.

אַ טייל אונטער שלאָס און פאַרזשאַווערטן ריגל,
עס ליגן אין קויטיקע צעלן פאַרשפּאַרט,
און פויזן אַרום דאָרט ווי אָדלער אַן פליגל
מיט בליקן וואָס פיילן די קראַטעס פאַרצערט...
עס וואַכט דאָרט באַשטיוולט אַ שוואַרצמאַנדורירטער
ער שטייט מיט אַ ביקס און אַ קנוט אויבנאָן, —
אַ בייזער, פאַרהעצטער, און בלינדער פאַרפירטער
און איבער אים פלאַטערט די האַקנקרייצפאָן.

צומאָל פון אַ צעל מיט פאַרביטערטע ווייען,
עס בליצט אויף אַ פייער און ס׳גיט זיך אַ גאָס, — — —
אַרויס נאָך פאַרצווייפלטע קינדער געשרייען
אָ, מאַמע — וואָס ווערן פאַרשטומט מיט אַ שאָס...

און צווישן די אַלע מאַרטירער געבראָכן,
ליגט זעליק אַליין אין אַ פינצטערן צעל,
פאַרפייניקט, אַזוי ווי אַ בליט איבערבראָכן —
פון גרוילעכן אָסיען פאַרטרוקנט און געל.

עס ברענגט אים דער חלום צוריק צו די צייטן
ווען פוילן געוועזן עס איז נאָך ניט פריי, —
אַ לעבן אַ פרייען פאַרשפּראָכן דעם צווייטן,
און ווי ס׳האָט די פרייהייט דערפילט האָן צו זיי...
ווי שלאַנגען אים נאָגן די טרוים־אידעאַלן
די מענטשהייט וואָס ברענגען געזאָלט האָט צום גליק, —
די אַלע הבטחות מיט שופרות־געשאַלן,
אַז מער וועט שוין קיינמאָל ניט זיין דאָ קיין קריג.

די גלייכהייט און פרייהייט, דאָס ערלעכע שאַפן,
וואָס יעדן געזאָלט האָט דערהייבן צו פרייד, —
וו איז עס ? פאַרוואַנדלט אין בלוטיקע וואַפן,
וואָס צענטנט אויף אַלעם אַזוי ווי אַ קייט.
און פלוצים אַ יינגער דערפילט ער זיך ווידער
ער שטייט אויף דער בינע און רעדט ווי אַמאָל, —
צערייסט דאָס סיסטעם דאָ מיט עדעלשטאָט לידער,
מיט ווערטער פון מאַרקסן געשליפן ווי שטאָל.

און ס׳טויכן פאַר אים אויף די ליבסטע געשטאַלטן
ער פילט זייער וואַרימען אָטעם באַריר, — —
ווי קען מען אַ מענטש דען אַ פרייען פאַרהאַלטן,
פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה אַזוי ווי אַ טיר ? !
אַ שטיוול געטראַמפּל, פון ביקסן אַ קראַכן,
אַ מענטשלעך דערשטיקטער פאַרבלוטער געשריי, —
און זעליק שלוכצט אויף, נעמט פון חלום דערוואַכן,
ווער ווייס אויב דער מענטש נאָך אַמאָל וועט זיין פריי ?...

9

מיידל קליינע, מיט די בלויע אויגן
און די סאַמעט לאַנגע שוואַרצע האָר,
וויפל אומגליק שוין פאַרבייגעצויגן
איז דורך מיינע און דורך דיינע יאָר.

ווי די שמעטערלינגען מיט די פֿאַרבן
פֿון די בלומען האָמיר זיך געשפּילט,
און דאָס שטילע אָונט־גאָלד פֿון שטאַרבן
נאָך אין ייִנגן האַרצן ניט געפֿילט.

היינט איך בין שוין אַלט און גרוי געוואָרן,
ניט געהערט פֿון דיר אויך אייביק לאַנג;
האָסט אין לעבן אפֿשר זיך פֿאַרלוירן
גלייך ווי איך אין מיין פֿאַרבענקט געזאַנג.
דאָך ס׳איז גוט אַ בלום פֿאַרוועלקט צו נעמען,
וואָס אַמאָל געבליט, געשמעקט האָט זיס;
נאָכאַמאָל צו לאָזן זיך פֿאַרקלעמען
פֿון איר ס׳פֿאַרליבטע האַרץ, וואָס עלנט איז.

כ׳ווייס אַז אומרעכט בין איך אָפּט באַגאַנגען,
און מיט לייכטזין דיך פֿאַראָטן שטיל, —
כ׳האָב צעבלעטערט אָפּטמאָל דיין פֿאַרלאַנגען
ווי די בלעטלעך פֿון אַ רויז אין שפּיל...
סוף כל סוף, דו וועסט עס מיר פֿאַרגעבן,
ווייסט דאָך דאַמאָלט כ׳בין געוועזן ייִנג;
און אַזוי פֿאַר׳כשופֿ׳ט נאָך פֿון לעבן —
ווי פֿון בלומען פֿיל אַ שמעטערלינג...

נעם מיך טייערע, קענסט אין גאַנצן האָבן
מיך, מיט אַלע מיינע פֿרייד און פּיין,
וואָס אַמאָל דו האָסט געמוזט באַגראָבן —
איצט פֿאַר דיר קען ווידער אויפֿערשטיין.
כ׳וואָלט געוואָלט נאָך איינמאָל צו דיר קומען
בלייבן כאָטש מיט דיר אַן אויגנבליק;
ברענגען צ׳ריק וואָס כ׳האָב ביי דיר גענומען —
יאָ, די פֿרייד פֿון יוגנט, און פֿון ליבע ס׳גליק...

10

עס שטייט שוין ניט לאַנג דאָרט דאָס הייזל
אָוו ס׳איז געשטאַנען מיין וויג;
עס לעבן שוין אויך ניט די גוטע,
וואָס האָבן געשפּינען מיין גליק.

איך האָב אין דעם אָרימען געסל
אָוו כ׳האָב צע׳פּטר׳ט באַטריבט, —
מיין יוגנט, געזוכט אַ באַקאַנטן,
אַ מענטשן וואָס כ׳האָב וועןן געליבט.

נאָר קיינעם איך האָב ניט געפונען,
און קיינער מיך האָט ניט דערקענט;
מיין אָרימע היים איז געוואָרן —
דערוויטערט פון מיר און פאַרפרעמדט.
ניט גלויבן געוואָלט האָט דאָס האַרץ מיינס,
די אויגן זיי האָבן געטרערט,
אַז ס׳האָבן אַמאָל מיינע נאָנטסטע,
געלעבט אויף דער דאָזיקער ערט.

וואָס זענען געוועזן פאַרבונדן
מיט מיר און מיין האַרצן פאַרקניפּט,
און מיך איבער אַלעם אין לעבן —
געהיטן, געשויגט און געליבט.
כ׳האָב קאַלט זיך מיט יעדן געזעגנט,
אַליין ניט געוווסט וואָס דאָט איז, —
נאָר שפּעטער דערפילט ערשט אין האַרצן,
אַ טיפן אַ בלוטיקן ריס !...

פון דעם זעלבן מחבר זענען דערשינען:

„יוגנט-וועלטן“ (ערשטע לידער).

„דאס אלטע ליד“ (פּאָעמע).

„פרומע געזאנגען“.

„אלטע און נייע לידער“.

„אונטערן שווערט“.

בקרוב וועט דערשיינען א גרויסע זאמלונג:

„מיין טאטע דער סופר“.

(אין פערלאַג י. נאַראָדיצקי)